**Whereas,** Our dear Brother and Colleague Abraham Baroff has been honored by being elected General Secretary-Treasurer of the International Ladies' Garment Worekrs' Union; and

**Whereas,** He has for the last seven years faithfully served the Union as business agent and manager, and has endeared himself to his colleagues, the general membership and all with whom he came in contact; and

**Whereas,** While deeply regretting his parting from our organization, we feel, nevertheless, that he will in his new office prove just as highly useful to the International Union as he has been to us, and therefore wish him the best success in his new office.

**Resolved,** That the Executive Board of the Ladies' Waist and Dressmakers' Union, Local No. 25, present our colleague Abraham Baroff with a loving cup and gold watch as a mark of respect, affection and appreciation for his splendid work, a present that shall serve him as a pleasant memory of his connection with the Union.

S. SEIDMAN,
J. ZIMMERMAN,
H. LIEBERMAN,
S. HAIMAN,
M. WINCHEVSKY,
L. ANTONINI,
CH. JACOBSON,
Resolutions Committee.

The resolution was adopted unanimously, and Brother Jacobson made the presentation amid enthusiastic applause. Brother Baroff felt visibly touched and thanked the Executive Board for this depth of genuine appreciation and hearty sentiment. He urged upon all present to always appreciate the work of their colleagues in order to encourage them. Recognition of service is expressed not only by presents but by constant harmony between and respect to each other. He assured them that he had spent some of his best moments in life with the Union and this has left an indelible impression on his mind.

### THE NEW WAIST AND WHITE GOODS LOCAL IN WORCESTER, MASS.

Local No. 75 of Worcester has until last year concerned itself practically with only the cloak shops of that town, in fact it was a cloakmakers' local pure and simple. Since last winter, however, there has started in Worcester an agitation among all the ladies' garment workers—waist, white goods and wrapper workers of that city. The readers of this column still remember the bitter fight which the Worcester local conducted against the waist shop of Sedar Bros. Since then the local has enrolled a considerable number of girls working at these trades.

Recently these white goods workers have decided that in order to protect their interests in an adequate way it would be best for them to organize separately and the cloakmakers have agreed to this proposition. The International has granted them a charter as Local No. 43.

Worcester has also some big corset factories, notably the Royal Worcester Company at which about 2,000 girls are employed. Miss Rose Schneiderman is at present in that city and has succeeded in having a few meetings with these girls and the outlook is quite bright for the formation of a big organization among the corset workers of Worcester.

### CHICAGO HOUSE-DRESS AND WHITE-GOODS WORKERS FORM A SEPARATE LOCAL

Local No. 59 is growing fast lately, and with the acquisition of some of the important shops through the recent strikes they are looking forth to big things for the coming spring season.

Upon the advice of the International Union the Kimono and Whitegoods Workers of this local were separated from the waist and dressmakers into a new local, as the former being in the majority in Local No. 59, the waist makers began to feel that their problems were to some extent put in the background. They were granted a separate charter as Local No. 60.

The arbitration board that was to settle grievances for the employees of the Herzog shops has rendered a decision lately in reference to the question of discharges. It has decided upon two complaints that the firm had no right to discharge employees for Union activity and has ordered the firm to re-employ the people discharged without cause. Further meetings of the Board will be held shortly to take up other questions.

### AGITATION AMONG THE CHILDREN-DRESS AND WRAPPER MAKERS

With the appointment of a special subcommittee by the Philadelphia meeting of the General Executive Board to investigate conditions and direct the general movement which was started in these trades early this fall, things are beginning to shape themselves pretty definitely and the prospects of the movement, if sanctioned by the sub-committee, are pretty well assured.

Meanwhile these locals are hard at it on constructive reorganization work. Shop after shop is being drawn into the organization and an energetic organization committee is scouring every shop where a foothold is possible to be gained.

The International Office has recently appointed a Syrian organizer to work among the thousands of Syrians employed at the Kimono trade in New York. Bro. S. Goldstein has been appointed by the General Office to take charge of the movement in the Brownsville end of the agitation, and Local No. 41 has in addition as new secretary-organizer, Bro. D. Bernstein, who has been with this local during 1913-14 in the capacity of a financial secretary.

### WHITE GOODS WORKERS LOCAL No. 62

The Brooklyn contractors in the white goods trade have finally seen light and have acceded to the demands of the girls. The prospects of a fight between them and the local that seemed so imminent only a

while ago have been eliminated. Here is the story in brief.

According to a clause in their agreement with the Union the Cotton Garment Association hold themselves responsible for the standards and conditions in the contractors' shops. When violations of these standards were complained against the Association steadfastly refused to entertain them. The Union has, therefore, decided to take a determined stand and the Association has finally yielded. After several conferences they agreed that while they may not be strictly accountable for the acts of the contractors, they pledge themselves to withhold from sending work to any contractor who violated union standards in his shop.

After this became known the Union commenced to make preparations for a general strike in Brooklyn, and the contractors have thereupon requested the local to arrange for a conference. An agreement was reached in the latter part of October, by which the 500 girls working in the 20 contracting shops of Brooklyn were granted a complete Union shop, a half-a-dollar raise in wages now and a half-dollar by January 1st. A wage committee was also appointed to investigate and settle the minimum wage question in these shops.

The Union is now completing its task in Brooklyn by organizing each and every shop in that section and thus making them closed union shops not only in letter but in spirit and substance as well.

### A WAIST MAKERS LOCAL IN CLEVELAND

Local No. 57, the International's new acquisition in Cleveland, is a waist makers local. Cleveland has about six or seven hundred girls working at this trade, and it seems natural that these should follow in the wake of the general union agitation that has permeated Cleveland for the last few seasons.

### PETTICOAT WORKERS, LOCAL No. 44

Last month saw also a good beginning towards the building up of an organization among the petticoat workers of New York. An organization of about 100 members was effected, largely owing to the efforts of general organizer Bro. A. Solovioff, and it is now up to these organized girls to invade this big trade and make a unionized industry of it. And a big trade it is,—about 7,000 workers and over 150 shops, working from 60 to 70 hours a week under deplorable conditions.

### BRIDGEPORT CORSET WORKERS, LOCAL No. 33

The fifty girls, ironers of the Batcheller Company Corset plant, who went on strike in the early part of November, have returned after being out four days; a satisfactory settlement of their differences has been reached between Vice-President John F. Pierce of the International Union and the officials of the company.

The strike, the first after the settlement in August, was occasioned by the company's requiring the girls to iron heavy corsets on both sides without paying an extra price for it as agreed to last Summer.

## APPEAL TO ALL WORKERS

**Especially Swiss Embroidery Workers of Local 6, I. L. G. W. U.**

(In poetic strain)

I belong to the I. L. G. W. U.—do you?
You work with me, and you hurt by turning another way.
Unions are made, you see, for working people like you and me.
I plead with you that you need organization on this occasion.
I do not ask you to come to theater, but your living and trade to better.

Oh, how these words are burning; my heart is turning.
Workers unite! Come to the meetings and see the light!
If you do not respond, then you do not want eight hours a day and better pay.

Come, listen to my plea—we must be preparing, for our health is wearing;
With your assistance there will be no resistance by the bosses' association to plans of negotiation.
You are a skilled mechanic, but there will be panic when the dull season starts and you will be left without a job.

'Tis no use complaining or go on blaming; nothing can be done till all stand as one.
Our Executive Committee and our organizer, Mr. Weiss, are waiting for you to get wise.

Come, give us an ear; we need your cheer.
We want you to express opinion and help to build up your union.

Anna D. Weidenbaum,
Ex-Rec. Sec'y of Local 6.

---

## RESOLUTION

At a regular meeting of the Executive Board of the Cloak and Suit Piece Tailors' and Sample Makers' Union, Local No. 3, International Ladies' Garment Workers' Union, the following resolution was unanimously adopted:

Whereas, The Amalgamated Clothing Workers' Union is at present engaged in a bitter, but just struggle with the manufacturers of Chicago;

Whereas, These brave strikers are relentlessly persecuted and attacked by hired thugs while the police of Chicago openly side with the employers and their hirelings against the struggling working men;

Resolved, That we, Piece Tailors and Sample Makers of New York, protest against the brutal maltreatment of our brethren by the Chicago police and their assistants of the underworld;

Resolved, That we protest against the position taken in this struggle by the leaders of the United Garment Workers' Union, which we regard nearly as bad as that of the manufacturers. We wholeheartedly sympathize with these brave strikers and hereby go on record declaring their struggle to be just—the struggle of the working class of America. We pledge ourselves to support our Chicago brethren both morally and financially and, therefore, plead with them: Brethren, don't be discouraged by your present reverses. All the class-conscious workingmen stand by you in your just struggle, and your ultimate victory is approaching.

Resolved, That copies of this resolution be sent to the labor press of the country, to the United Hebrew Trades of New York, to the International Ladies' Garment Workers' Union, and to the American Federation of Labor.

By order of the Executive Board.

B. FENSTER, Secretary.

## דער
# לײדיעס גארמענט װארקער

דעצעמבער
1915

### אינהאלט:


עדיטאריעל: די לאגע אין קלאוקטרייד פון ניו יארק.—ביים קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.—פעדערעישאן און שאפס און פעקטאריס.

דערנעהענטערען מיר זיך צו איינינקייט אין דער ארבייטער בעוועגונג? — א. ראזובורי.

די אמעריקאן פעד. אוו לייבאר און איהרע קריטיקער — ת. לאנג.

אן איבערקעהרעניש אין דער עקאנאמישער לאגע פון די ארבייטער אין ענגלאנד — ר. קערר.

ניקי (א בילד פון די מיינערס) — אלטער עפשטיין.

אן איבערבליק איבער דעם סאן־פראנציסקא קאנווענשאן — א. ר.

די טריידיוניאנס אין ענגלאנד אין צייט פון מלחמה — פראטערנאל דעל. דזש. אטמאן.

די ווירקונג פון'ם ניעם אגרימענט אין שיקאגא — ב. פינקלער.



ספּעציעלער ארגאן פון דער
אינ. לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן
32 יוניאן סקװער, ניו יארק.

דער ליידיעס גאַרמענט וואָרקער

נומער 12 | דעצעמבער, 1915 | 6טער יאָהרגאַנג

# די לאַגע פון קלאָוק טרייד אין נויאָרק

אנגצופריעדענהייט

די קלאָוקמאַכער זיינען זעהר אונצופריעדען מיט דעם סיזאָן וועלכער שליעסט זיך איצטער. מען האָט פיעל ערוואַרטעט פון איהם, אָבער די רעזולטאַטען זיינען גאַנץ ווייט פון די ערוואַרטונגען.

די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך געריבט אויף פיעל ביזנעס און די אַרבייטער האָבען ערוואַרטעט די אוי.-בעסערונגען וואָס דער קאָונסיל אָוו קאָנסיליאַיישאַן האָט פאַר זיי בעשטימט. די ערוואַרטונגען פון די מאַנופעקטשורערס זיינען ביז א געוויסען גראַד מקוים געוואָרען; אָבער די האָפנונגען פון די אַרבייטער זיינען צושטערט געוואָרען דורך אַלערליי תירוצים און דריידלאַך. אויסער די פערגרעסערונגען אין די וויידזשעס פאַר די וואָך אַרבייטער, זיינען די איבריגע פערשפרעכונגען געבליבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיער.

אונזערע מעמבערס זיינען ענטוישט אין די שלעכטע רעזולטאַטען פון דעם סיזאָן, און ווי ווייט מען קען פאָראויסזעהן וועלען זיי ניט בעקומען זייערע רעכטע אין דער נאָהענטער צוקונפט. די אַלטע צרות פון „אָבזאָגען אַרבייטער", פון „רעאָרגאַניזירען די פעקטאָריס" — האָבען זיך ווידער גענומען בעווייזען אין פערשיעדענע פאָרמען.

אַלע גוטע האָפנונגען וואָס מען האָט אונז געגעבען אַלס א רעזולטאַט פון אונזער קאָאָפּעראַציאָן מיט די מאַנופעקטשורערס אַסס'ן זיינען ניט מקוים געוואָרען. קיין שריט איז נאָך ניט גענומען געוואָרען צו זעהען, אַז זיי זאָלען שפּעטער ערפילט ווערען. אַזוינע פראַגען ווי: איינפיהרען אין קראַפט א „סטענדאַרד" פון פרייזען אין דער גאַנצער אינדוסטרי; די אָבשאַפונג פון סוב-מאַנופעקטשורינג; די אָרגאַניזירונג פון דער אינדוסטרי אַזוי, אַז דער אַרבייטער זאָל זיכער זיין צו פערדיענען א מינימום וויידזשעס מיט וועלכע ער זאָל קענען מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען — קיין פערזוך איז ניט געמאַכט געוואָרען אַט די אַלע פראַגען אויפצונעהמען. הערפאַר ווייל די מאַנופעקטשורערס איילען זיך ניט צו אַרבייטען האַנד אין האַנד מיט דער יוניאָן איינצוריכטען די נויטיגע מאַשינערי דיעזע פראַגען צו לייזען.

אין די סיזאָן-מאָנאַטען איז דער פּונקט וועגען א „סטענדאַרד" פאַר שטיק-אַרבייטער ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. די וויכטיגע פראַגע פון אויפנעהמען און שליכטען קאָמפּליינטס האָט אין דער צייט גענומען א צווייטען מאָל בעשטימט ווערען און ערשט לעצטען מאָנאַט האָט די קאָונסיל אָוו קאָנסיליאַיישאַן אויפגעפאָדערט די מאַנופעקטשורערס אויפצונעמען אַלע קאָמפּליינטס.

דער פּונקט וועגען גלייכע צוטהיילונג פון אַרבייט, איבער וועלכען די יוניאָן האָט געקעמפּפט איבער א יאָהר, וועגען דיעזען פּונקט זיינען אויך געווען פיעלע קאָמפּליינטס פון די אַרבייטער, און די אַססאָסיאַיישאַן האָט זיך ענטזאָגט וועגען זיי צו פערהאַנדלען. אונטער די אומשטענדען, אַלזאָ, האָבען אונזערע מעמבערס דיעזען סיזאָן ניט בעקומען דעם קליינעם מאָס גערעכטיגקייט וואָס עס איז זיי בעוויליגט געוואָרען אין דעם אַגרימענט. עס איז גאַנץ נאַטירליך דאָס אין די רייהען פון די אַרבייטער זאָל זיך שפּירען אַן ענטטוישונג. די אַרבייטער פיהלען דאָס זיי זיינען ניט בעהאַנדעלט געוואָרען מיט די גערעכטיגקייט און עהרליכקייט וואָס זיי האָבען מיט רעכט ערוואַרטעט.

# Directory of Local Unions [Continued]

| Local Union | | Office Address |
|---|---|---|
| 53. | Philadelphia, Pa., Cloak Cutters | 525 Mifflin St., Philadelphia, Pa. |
| 54. | *Chicago Raincoat Makers* | *1145 Blue Island Ave., Chicago, Ill.* |
| 56. | Boston Cloakmakers | 31 N. Russell St., Boston, Mass. |
| 58. | New York Waist Buttonhole Makers | 106 Forsyth St., New York City |
| 59. | Chicago Waist Makers | 1815 W. Division St., Chicago, Ill. |
| 60. | Chicago White Goods and Kimono Workers | 1815 W. Division St., Chicago, Ill. |
| 61. | Montreal, Canada, Cloak and Skirt Pressers | 37 Prince Arthur E., Montreal, Canada |
| 62. | New York White Goods Workers | 35 E. Second St., New York City |
| 63. | Cincinnati Cloakmakers | 122 W. 5th St., Cincinnati, Ohio |
| 64. | New York Buttonhole Makers | 57 W. 21st St., New York City |
| 65. | Brooklyn Ladies' Tailors | 45 Graham Ave., Brooklyn, N. Y. |
| 66. | New York Bonnaz Embroiderers | 25 3rd Ave., New York City |
| 67. | Toledo Cloakmakers | 222 Beacon St., Toledo, Ohio |
| 69. | Philadelphia Cloak Finishers | 39 N. 10th St., Philadelphia, Pa. |
| 70. | Toronto Skirt and Dressmakers | 423 Sackville St., Toronto, Canada |
| 71. | Chicago Ladies' Tailors | 1447 S. Spaulding Ave., Chicago, Ill. |
| 73. | Boston Amalgamated Cutters | 8 Lovering St., Boston, Mass. |
| 75. | Worcester, Mass., Cloakmakers | 9 Beach St., Worcester, Mass. |
| 76. | Toledo Cloak and Suit Cutters | 615 Main St., Toledo, Ohio |
| 78. | St. Louis Cloak Operators | Fraternal Bldg., 11th and Franklin Aves. |
| 80. | Bridgeport Ladies' Tailors | 67 Olive St., Bridgeport, Conn. |
| 81. | Chicago Cloak and Suit Cutters | 1531 W. 14th St., Chicago, Ill. |
| 83. | Toronto, Canada, Cutters | 101 Dundas St., Toronto, Canada |
| 85. | Cincinnati Skirtmakers | 2897 W. 6th St., Cincinnati, Ohio |
| 90. | Buffalo Garment Workers | 73 William St., Buffalo, N. Y. |
| 92. | Toronto, Canada, Cloak Pressers | 71 Nassau St., Toronto, Canada |
| 98. | Cincinnati Skirt Pressers | 417 David St., Cincinnati, Ohio |
| 99. | Pittsburg Ladies' Tailors | 211 Amity St., Homestead, Pa. |
| 101. | Richmond Ladies' Tailors | 411A N. Smith St., Richmond, Va. |
| 102. | Montreal, Canada, Raincoat Makers | 20 St. Cecile St., Montreal, Canada |
| 105. | St. Louis Ladies' Tailors | Fraternal Bldg., 11th and Franklin Aves. |
| 106. | Stockton, Cal., Ladies' Tailors | 507 E. Miner Ave., Stockton, Cal. |
| 108. | Ladies' Neckwear Cutters | 890 Park Ave., Brooklyn, N. Y. |
| 110. | Omaha, Neb., Ladies' Tailors | 2609 N. 15th St., Omaha, Neb. |
| 111. | Cleveland Raincoat Makers | 3611 Burwell Ave., Cleveland, Ohio |
| 112. | Montreal, Canada, Ladies' Waist Makers | 147 Colonial Ave., Montreal, Canada |
| 113. | Newark Waist and White Goods Workers | 118 Market St., Newark, N. J. |
| 114. | Raincoat Makers of St. Louis | Fraternal Bldg., St. Louis, Mo. |


**Named shoes are frequently made in Non-Union factories**

**DO NOT BUY ANY SHOE**

**no matter what its name, unless it bears a plain and readable impression of this UNION STAMP**

**All shoes without the UNION STAMP are always Non-Union**

**Do not accept any excuse for absence of the UNION STAMP**

**BOOT AND SHOE WORKERS' UNION**

**246 Summer Street, Boston, Mass.**

*JOHN F. TOBIN, Pres.* *CHAS. L. BAINE, Sec'y-Treas.*

פערשפרייטען פאר די יוניאָנס און מאַנכע פון זייערע בעסטע פיהרער און מעמבערס.

אָבער די שארפע אויג פון דער יוניאָן האט דיזע גאַנצע פערשווערונג פערשטאַנען און האט איהר צושטערט. אמת, עס האט געקאָסט פיעל צייט די בלבול־מאשין צו צושמעטערן און בעווייזען ווי אַזוי זי איז אויפגעבויט געווארען. מאררים הילקוויט, מיט זיין שארפע אויג, און אייבראהעם ליווי, דער בעריהמטער קרימינאַל לאָיער, האָבען פערשטאַנען דעם פונדאַמענט פון דעם בלבול גלייך פון אַנפאַנג, און זיי האָבען איהם אַם ענדע צושמעטערט. דאָס האט געבראַכט פרייד צו צוויי מיליאָן אָרגאַניזירטע ארבייטער. געוויס איז דאָס געווען א גוטע אורזאַכע פאר פרייד און פאר א יום טוב. די בעפרייאונג פון די אַנגעקלאַגטע איז געווען א גרויסער און א היסטאָרישער זיעג.

* * *

**לכבוד אונזערע זיבען ברידער** דער יום טוב איז געפייערט געוואָרען אין דער פאָרמע פון א באַנקעט וואָס די דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האט אראַנזשירט. שטאַטגעפינדען האט דער באַנקעט אין בעטהאָווען האָלל. דאָס איז געווען ניט בלויז א פייער פאר דעם זיעג פון דער יוניאָן, נור אויך א באַנקעט צו די עהרע פון אונזערע זיבען ברידער — זינמאַן, מעטץ, וואולף, סטופניקער, ווידינגער, אשפיז און זינגער — אויף וועמען די גיפטיגע פיילען פון דער פערשווערונג זיינען געווען געציעלט. זיי האָבען געליטען די וועהטאָגען פון לאַנגע מאָנאַטען אין פריזאָן און די שמערצען פון א טרייעל — אַלץ פאר דער יוניאָן. זיי האָבען געוויס פערדיענט די עהרע וואָס פינף הונדערט פריינד און קאַמעראַדען האָבען זיי צוגעטיילט, די פינף הונדערט וואָס זיינען ביים באַנקעט אַנוועזענד געווען און זיך געפרעהט מיט זייער בעפרייאונג.

פראָמינענטע מענער—דאָקטוירים, לאָיערס, רעדאַקטערע און פאָלקס־פאָרשטעהער זיינען געקומען אויסדריקען די פרייד וואָס זיי און צעהנדליגע טויזענדער ווי זיי האָבען געפיהלט, ווען דער ווערדיקט: „ניט שולדיג" איז ארויסגעגעבען געוואָרען. ביי דיזען באַנקעט זיינען בעקאַנט געמאַכט געוואָרען געוויסע פאַסירונגען פון טרייעל וועלכע ווייזען די אמת'ע נאַטור פון די בעפרייטע און וועלכע האָבען פערדיענט די אַכטונג וואָס מיר אַלע האָבען צו זיי פריהער געהאַט. דער לאָיער אייבראַהעם ליווי האט געשילדערט דעם גייסט פון ברידערליכקייט, די וואַרימע פריינדליכע אַטמאָספערע וואָס האט געהערשט צווישען די אַנגעקלאַגטע; זייער ענטשלאָסענהייט צו שטעהן אַלע צוזאַמען ביז'ן לעצטען מאָמענט — אַט דאָס אַלעס האט איהם בעפעסטיגט אין זיין איבערצייגונג, אַז זיי זיינען אומשולדיג. אַזוינע מענשען קענען ניט שולדיג זיין. דאָס האט די קיים פערשטאַרקט און דאָס האט פיעל געהאָלפען די פערטהיידיגונג. ער האט אויך פיעל געלויבט מאררים הילקוויט, וועלכער האט די גאַנצע צייט ארויסגעוויזען אמת'ע פיהרערשאַפט און וועלכער האט געאַרבייט טאָג און נאַכט מיט לייב און לעבען.

קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן האט ערקלעהרט אין זיין רעדע דאָס די זיבען בעפרייטע פערדיענען עהרע, ווייל זיי האָבען יאָהרען לאַנג געליטען צרות, הונגער און נויט אום מעגליך צו מאַכען די יוניאָן אויפצובויען. קוקענדיג אויף דער גרויסער פאָטאָגראַף־בילד פון די זיבען בעשולדיגטע מיט'ן אויפשריפט „נאַט גילטי!" פון אונטען, האט לאָנדאָן ערקלעהרט, אַז עס איז איינפאַך ווילד צו דענקען אויף איין מינוט, דאָס מען האט דיזע זיבען איבערגעבענע דיענער פון דער ארבייטער־בעוועגונג ווען עס איז אין א פערברעכען בעשולדיגט. „די ארבייטער בעוועגונג", האט ער אויסגעשריען, „איז קיינמאָל ניט שולדיג!".

אב. קאהאן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" איז געווען הערצליך גליקליך צו זעהן די זיבען ברידער צוזאַמען ארומגעריננגעלט פון זייערע פריינדע. דיזע קיים האט אריינגעבראַכט א וואונדערבאַרען גייסט פון איינינקייט צווישען פערשיעדענע קלאַסען מענשען אין דער געזעלשאַפט. ער האט אָנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט פון קאָאָפעראַציאָן צווישען די טרייד־יוניאָניסטען און די סאָציאַליסטען. ביידע זיינען איין בעוועגונג — די גרויסע ארבייטער בעוועגונג.

* * *

**אב. באראף, נאשניאק און קאטאמא ערוועהלט אלס אינטערנעשאנעל בעאמטע.** דעם צעהנטען נאָוועמבער זיינען דריי ברידער אינסטאַלירט געוואָרען אַלס בעאַמטע פון דער אינטערנעשאָנעל אויסצופילען דריי עמטער פון וועלכע די פריהערדיגע בעאַמטע האָבען רעזיגנירט. אויפ'ן פלאַץ פון ברודער

**מיר ווילען בעהאנדעלט ווערען מיט יושר!**

דער סלעק־סיזאן קומט אן און דאס מאכט די לאגע שווערער. איצטער איז עס נאך נויטיגער ווי אין ביזי סיזאן, דאס די ארבייטער זאלען ריכטיג בעהאנדעלט ווערען. איצטער וועט די יוניאן זיין דער געקריוודעטער צד פיעל מעהר ווי אין סיזאן צייט.

דער אגרימענט פון קאונסיל און קאנסיליישאן איז ניט קיין אייזערנער געזעץ וועגען יעדען סכסוך. זיין דורכפיהרונג הענגט פיעל אב פון די מענשליכע געפיהלען אין אונזערע הערצער. ער קען א קראפט האבען, ער קען זיין צוועק ערפילען בלויז דאן, ווען די צדדים וועלען זיך בעציהען צו די פערשיעדענע קריוודעס, וואס ער זוכט אויסצוגלייכען אין א גייסט פון מענשליכקייט. אויב די צדדים וועלען זיך איינ'עקשנ'ען און זאגען דאס איינער קען דעם צווייטען ניט געבען קיין אנדער זאך ווי דאס וואס ס'שטעהט געשריעבען אין אגרימענט, דאן פאלט דער גאנצער אגרימענט דורך. עס איז איינפאך אונמעגליך אין אן אגרימענט צו בעשטימען אלע פראגען וועלכע קענען פארקומען אין דער צוקונפט. הויפטזעכליך צו ליעב שלעכטע בעהאנדלונג. פיעלעס קען ניט פאראויסגעזעהן ווערען און קען ניט בעשטימט ווערען דורך קאלטע, פעסטע רולס. אין דיעזע פעלע מוז דער מענשליכער עלעמענט אריינקומען, מען מוז איינער צום צווייטען זיין מענשליך, מען מוז זיך בעציהען מיט עהרליכקייט, מיט יושר, מיט פראנקליכקייט. אנדערש איז אונמעגליך אז דער אגרימענט זאל צופריעדענשטעלען ביידע צדדים.

דער אגרימענט האט פאר אזוינע, ניט פאראויסגעזעהנע פראגען, בעשטימט א „טרייעל באארד”. דיזע באארד דארף פערהאנדלען שווערע קריוודעס און משפט'ן וועגען זיי. אבער איינע פון די הויפט נויטווענדיגקייטען אין אזוינע איינריכטונגען איז דאס דער משפט זאל ארויסגעגעבען ווערען וואס שנעלער און דאס ער זאל זיין א יושר'דיגער משפט. אבער ווי עס פיהרט זיך איצטער, דאס יעדע קייס ווערט געבראכט פאר דער טרייעל באארד און דער מענשליכער עלעמענט ווערט אין גאנצען איגנארירט. — קען עס קיין שנעלע און זיכערע רעזולטאטען ניט ברייננען. איינע פון די אורזאכען וואס האט מיטגעבראכט די אבשאפונג פון דעם פראטאקאל איז געווען טאקע דאס, וואס אונטער איהם פלעגט מען זיך האלטען אין איין משפט'ן.

דאס וואלט געקענט לייכט אויסגעמיידען ווערען, ווען די פארשטעהער פון ביידע צדדים וואלטען געפיהלט, אז עס איז זייער פפליכט „צו בענוצען זיך, אזוי ווייט ווי עס איז נור מעגליך, מיט אלע גוטע מיטלען אויסצוגלייכען סכסוכים אהן פארמאלע און שטריינגע רולס”. עס איז ניט גוט ניט פאר די מאנופעקטשורערס און ניט פאר די ארבייטער, אז דיעזע טרייעלס זאלען זיך פערציהען. בלויז דאן, ווען אלע מיטלען זיינען אנגעווענדעט געווארען און עס איז אלע אומעגליך דעם סכסוך אויסצוגלייכען, בלויז דאן דארף מען אריינרופען א דריטען צד, וואס זאל ארויסגעבען א פסק. פאר אזוינע פעלע וואלט געווען בעסער צו האבען אן אונפארטייאישען טשערמאן. עפעס מוז געטהאן ווערען אויסצובעסערן די איצטיגע מעטהאדע, אום צו בעזייטיגען די טיעפע אונצופריעדענהייט אין די רייהען פון די ארבייטער און גרינגער מאכען די לאגע פון די פעראנטווארטליכע פארשטעהער פון דער יוניאן.

* * *

**די יוניאן פייערט א וויכטיגען זיעג**

עלעקשאן נאכט איז פארגעקומען דער פראכטפאלער יום טוב פון דעם זיעג וואס מיר האבען געהאט איבער א גענג פון פעררעטהער, סקעבס, פאלש־שווערער און שמוציגע פאליטישענס. דאס איז געווען א זיעג וואס די קלאוקמאכער יוניאן האט געהאט אין קרימינעל קאורט פון ניו יארק. א שענדליכער פערזוך איז געמאכט געווארען פון דער אויבען דערמאהנטער באנדע אריינצושלעפען אונזער יוניאן אין א מארד־קלאגע און אינדירעקט צו בעשולדיגען די גאנצע ארבייטער בעוועגונג. די מאטיוועס פון די לייטע וואס האבען די פערשוועהרונג געמאכט זיינען געוועזען פיעלע און פערשיעדענע: פערזענליכע ראכע, געמיינהייט און דער וואונש פון געוויסע פערברעכער צו קריגען די פרייע מעגליכקייט צו פרעסען געלד פון ארבייטער און באסעס. די חברה איז מיט דיעזע שענדליכע מעטאדען פארגעקומען אין דער עפענטליכקייט. זי האט געזוכט אבצוראטען פון וועג די איינציגע מאכט וואס האט געוואטשט איהרע פינסטערע ארבייט. דער דיסטריקט אטורני האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דיעזער חברה. איהם האט דאס הארץ געפרעהט וואס ער וועט קענען א נעץ

# דיא קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר

פון די בעריכטען וואס זיינען ביז איצט אנגעקומען פון דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, איז צו זעהן דאס די קאנווענשאן האט אויסגעדריקט פיעלע פון די געדאנקען און וואונשען פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג און בעזונדערס איהרע אנגעשלאסענע יוניאנס. אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען נומער גיבען מיר מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם צושטאנד פון פיעלע יוניאנס פון דער פעדערײשאן און וועגען דעם פראגרעס וואס זיי האבען היי־יאהר געמאכט. פארלויפיג האבען מיר בעקומען מאגערע בעריכטען וועגען די פערהאנדלונגען און וועגען די אנגענומענע רעזאלוציאנען אויף דער קאנווענשאן. מיר מוזען זיך דארום בעגנוגענען מיט איינינע קורצע בעמערקונגען.

* * *

**פערשפרעכט שטיצע צו אונזער יוניאן**

עס פרעהט אונז צו בעמערקען דאס פראגען, וואס ריהרען אן טיעף אונזער יוניאן, האבען געקראגען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט ביי דער קאנווענשאן. אונזערע דעלעגאטען — בענדזש. שלעזינגער און סאל. פאלאקאף — האבען טהעטיג געארבייט פארצובריינגען און אויפצואווייזען אונזערע איצטיגע בעדערפניסע פאר דער קאנווענשאן.

די וויכטיגסטע פראגע וואס ריהרט אונז אן אין דיעזען מאמענט איז צו קריגען די סימפאטהי און די שטיצע פון די ארגאניזאציאנען וואס זיינען פערבונדען מיט דער א. פ. אף ל. אין די קאורט־פערפאלגונגען פון א צאהל פון אונזערע מעמבערס און בעאמטע. וועגען דעם, אלזא, האט די קאנווענשאן גענומען שריטע. זי האט אנגענומען א רעזאלוציאן (וועלכע איז געדרוקט אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען נומער) וועלכע פראטעסטירט נעגען די פערפאלגונגען און וועלכע פערפליכטעט אלע אנגעשלאסענע יוניאנס צו קומען אונז צו הילפע.

עס טראגען זיך ארום קלאנגען דאס די קייסעס וועלען גע'משפט ווערען דיעזען מאנאט. זיי וועלען זיכער ציהען די טיעפסטע אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער ארבייטער־בעוועגונג. זיי וועלען בעווייזען וואס פאר שענדליכע מיטלען די פיינדע פון די ארגאניזירטע ארבייטער זיינען גרייט אנצואווענדען און וואס פאר א סארט מענשען זיי בעשעפטיגען אום צו דיסקרעדיטירען די ארבייטער בעוועגונג אין די אויגען פון דאס אלגעמיינע פובליקום. דורך דער רעזאלוציאן וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען האט די אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג געמאכט אונזער זאך פאר איהר זאך. די ריינוואשונג פון אונזערע מענשען וועט הייסען די ריינוואשונג פון דער גאנצער ארבייטער בעוועגונג. אונזער אפיעל צוזאמען מיט דער רעזאלוציאן וועט זיכער ווארים אויפגענומען ווערען.

אונזערע דעלעגאטען האבען אריינגעטראגען א רעזאלוציאן דאס די אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג זאל ביי איהר קאנווענשאן זיך שטעלען אויף דער זייט פון די פערפאלגטע אידען אין די אויסלענדישע מדינות, ספעציעל אין רוסלאנד, וועלכע ליידען איצטער גרויזאמע און שוידערליכע צרות דורך די ציוויל און מיליטערישע בעאמטע. די קאנווענשאן האט די רעזאלוציאן איינשטימיג אנגענומען. זי האט געהאנדעלט אין דיעזען הינזיכט אזוי ווי דער טריידיוניאן קאנגרעס פון ענגלאנד, און זי האט זיך געשטעלט אין ליין מיט דער פראגרעסיווער ארבייטער בעוועגונג פון דער גאנצער וועלט.

* * *

**א האפנונג צו סעטלען דעם סכסוך אין שניידער טרייד**

נאך א וויכטיגע זאך וואס האט טיעף אינטערעסירט אונזער אינטערנעשאנעל און אונזערע לאקאלע יוניאנס איז, ווי אזוי אויסצוגלייכען דעם סכסוך אין שניידער טרייד, וועלכער האט אריינגעצויגען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ווייל זי האט געהאלטען די לאקאלס פון די אמאלגעמייטעד קלאטהינג ווארקערס יוניאן. עס פרעהט אונז צו זעהן דאס די קאמיטע, וועלכע האט בעריכטעט וועגען די ארבייט פון עקזעקוטיוו קאונסיל, האט די סיטואציאן זעהר סימפאטהיש בעטראכט. זי האט טאקע גוטגעהייסען די האנדלונג פון דעם קאונסיל. אבער צו דער זעלבער צייט האט זי רעקאמענדירט, דאס דער קאונסיל זאל געבען וואס פאר א הילפע עס איז נור נויטיג אום צוריקצובריינגען

זינמאן איז בר. באראף ערוועהלט געווארען דזשענעראל סעקרעטער; צו דערזעלבער צייט זיינען די ברידער ווישניאק און קאסטא ערוועהלט געווארען אלס וויים־פרעזידענטען פון דער אינטערנעשאנעל.

איף די ענגלישע פיידזשעס אין דיזען נומער גיבען מיר איינצעלהייטען פון ברודער באראף'ס קאריערע אין דער ארבייטער בעוועגונג. דיזע קאריערע איז פערבונדען מיט דער וויסט און דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 25. מיט זיעבען יאהר צוריק האט ער אנגעפאנגען אויפצייגען די ארבייטער פון דער טרייד די נויטווענדיגקייט פון ארגאניזאציאן. דאן איז לאקאל 25 געווען אין די ווינדעלאך. זייט דאן האט דער לאקאל געוואונען א פראמינענטען פלאץ אין דער אינטערנעשאנעל און א נאמען אין דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג.

אונזערע לאקאלס און די בעאמטע פון דער אינטערנעשאנעל האבען פיעל געהאלפען דעם לאקאל 25 די וויסט־טרייד צו ארגאניזירען. די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און דער „פארווערטס" האבען גענומען א גרויסען אינטערעס אין אלע זיינע קאמפפע, קליינע און גרויסע, און זיינען איהם געקומען צו הילפע אין פערשיעדענע וועגען. באראף איז מיט דעם לאקאל געשטאנען די גאנצע צייט, אין זיינע גוטע און שלעכטע צייטען און האט גענאמען א גרויסען חלק אין זיין וואוקס און ענטוויקלונג.

אין זיין רעזיגנאציאנס־בריעף צו לאקאל 25, רעדט ברודער באראף וועגען זיינע נייע פפליכטען און פעראנטווארטליכקייטען, און זיין אפיעל צו די מעמבערס, וועלכע האבען איהם אזוי הויך געשעצט, ווייזט ווי טיעף אין זיין הארצען איז איינגעבאקען די ארבייטער בעוועגונג. אט וואס ער שרייבט:

„איך האף, דאס אין מיין נייעם אמט וועל איך קענען דיענען די גרויסע בעוועגונג פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן. איך רוף צו איך, ברידער און שוועסטער, צו בלייבען טריי דער יוניאן! זעהט צו פערגרעסערען די מעמבערשיפ און צו פערשפרייטען אונזער איינפלוס. זאל יעדערער פון אייך אנווענדען זיינע כוחות צו מאכען די ארגאניזאציאן שטארקער און זיכערער. זאלען מיר אלע פעראייניגען אונזערע ברידערליכע געפיהלען און, האלטענדיג הויך די פאהן פון אונזער יוניאן, מארשירען פון זיעג צו זיעג".

מיר גראטולירען ברודער באראף מיט זיין ערוועהלונג. ווי ווייט מיר קענען איהם, פיהלען מיר זיכער, דאס ער וועט זיך איבערגעבען צו זיין נייע ארבייט מיט זיין געוועהנליכען ענטהוזיאזמוס.

---

אונזער נייער וויים־פרעזידענט ווישניאק דארף צו אונזערע לעזער ניט פארגעשטעלט ווערען. אין די לעצטע פינף יאהר האט ער זיך אבגעגעבען מיט דער קלאוקמאכער יוניאן. אלס ביזנעס איידזשענט, אלס מענעדזשער פון „די נייע פאסט", אלס אסיסטענט טשיעף קלוירק אין 1913, אלס מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן און טשיעף קלוירק אין פיהרען די פערהאנדלונגען מיט דער „פראטעקטיוו אסס'ן" — אלס פערטרעטער פון די אלע עמטע האט ער בעקומען גענוג ערפאהרונג און גענוג בעקאנטשאפט מיט די פערשיעדענע זייטען פון דער בעוועגונג, וועלכע העלפט איהם פיעל אין זיינע פפליכטען. ברודער ווישניאק איז א געווינער פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

ברודער קאסטא איז בעוואוסט פאר זיין ארגאניזאציאנס־ארבייט צווישען די איטאליענישע קלאוקמאכער כמעט אזוי לאנג ווי ברודער ווישניאק. ער ארבייט פאר דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן שוין א לאנגע צייט אלס מענעדזשער פון דעם אפ־טאון אפפיס. ער איז דער ערשטער איטאליענישער מעמבער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. אונזערע איטאליענישע ברידער וועלען אין איהם האבען א שטארקען, געטרייען פארשטעהער, ער וועט אבער זיכער ארבייטען פאר די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער אינטערנעשאנעל יוניאן. מיר בעגריסען הערצליך די ברידער ווישניאק און קאסטא.

# דער ערשטער סאציאליסטישער און ארבייטער אסעמבלימען

בראנזוויל, ניו יארק, האט די עהרע צו זיין די ערשטע וואס האט ערוועהלט א סאציאליסטישען ארבייטער אסעמבלימאן. א. י. שיפלאקאף איז דער מאן וואס האט געקעמפפט און געוואונען פאר'ן סאציאליזמוס.

שיפלאקאף אין דעם סטייט לעגיסלייטשור אין אלבאני, גראדע אזוי ווי מאיר לאנדאן אין דעם קאנגרעס אין וואשינגטאן, וועט ניט בלויז רעפרעזענטירען סאציאליסטישע אידעאלען, נור וועט אויך היטען די אינטערעסען פון ארגאניזירטע ארבייטער אין אלגעמיין. שיפלאקאף איז דער סעקרעטער פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ער איז א קינד פון ארבייטער־פאלק און ווייס זייערע בעדערפניסע. אויף איהם קען מען זיך פאלשטענדיג פערלאזען, אז ער וועט טהאן זיין פפליכט צו די ארבייטער, מענער און פרויען, צו יעדע צייט. מיר גראטולירען איהם מיט זיין זיעג און מיר ווינשען, אז די צייט זאל שנעלער קומען ווען די ארבייטער באוועגונג וועט קריגען גענוג שכל צו פעראייניגען איהרע קרעפטען און ערוועהלען נאך פיעלע אמת'ע איבערגעגעבענע פריינד איהרע, ווי מאיר לאנדאן און א. י. שיפלאקאף.

---

# דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

(אויסצוג פון דעם רעפארט און פערהאנדלונגען)

דער פינפטער פיערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז אבגעהאלטען געווארען אין וואלטאן האטעל, פילאדעלפיא, פון מאנטאג דעם 18טען אקטאבער ביז דאנערשטאג דעם 21טען אקטאבער 1915.

פרעזידענט שלעזינגער איז געוועזען פארזיצענדער און אלע מיטגליעדער אנוועזענד.

דער פרעזידענט עפענט דעם מיטינג מיט אן ערקלערונג, דאס צוליעב דעם וואס אייניגע מעמבערס פון באארד זיינען געווען פערנומען מיט די טרייעלס, האט דיעזער מיטינג, וואס האט געזאלט שטאטטפינדען אין סעפטעמבער, ניט געקענט פריהער אבגעהאלטען ווערען.

---

## פרעזידענט שלעזינגער'ס רעפארט.

צו מיטגליעדער פון דזש. עקז. באארד: —

ביי דעם לעצטען מיטינג אין שיקאגא, האבען מיר פאראויסגעזעהן, דאס די מאנופעקטשורערס־פראטעקטיוו אסאסיאיישאן וועט ניט נאכקומען דעם גינסטיגען בעשלוס וואס מיר האבען געהאפט צו קריגען פון דער „באארד אף ארביטריישאן" אין קלאוק טרייד אין ניו יארק, און מיר האבען דיסקוטירט די פראגע פון איינבערופען א ספעציעל קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין פאל די אסאסיאיישאן וועט איבערברעכען דעם פראטאקאל. אונזערע נביאות איז מקוים געווארען: דעם 17טען מאי, זעקס טעג איידער די ארביטריישאן באארד האט געזאלט צוזאמענקומען, האט די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן אבגעשניטען איהרע פערבינדונגען מיט אונזערע יוניאנס.

(פרעזידענט שלעזינגער האט דאן בעשריעבען די פאסירונגען נאך דעם ווי דער פראטאקאל איז איבערגעבראכען געווארען: די קאנפערענצען און פערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס, דעם ארעסט פון די אכט מעמבערס און בעאמטע וואס זיינען בעשולדיגט געווען אין ערשטען גראד מארד, דעם גרויסען מיטינג אין מעדיסאן סקווער גארדען דעם 12טען דזשון און דעם פארשלאג וואס די פארשטעהער פון אונזער יוניאן האבען געמאכט צו די מאנופעקטשורערס פארצולייגען אלע סכסוכים פאר א קאמיטע פון אונפארטייאישע מענשען אונטער דעם פארזיטץ פון דעם מעיאר פון ניו יארק, אדער אן אנדערן פראמינענטען און אונפארטייאישען פערזאן. ער האט דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען ווי אזוי די מאנופעקטשורערס האבען איינגעשטימט צו ערשיינען פאר דעם קאונסיל אוו קאנסיליאיישאן, וואס מעיאר מיטשעל האט אפאינטעט און ווי אזוי דער קאונסיל איז געווארען צוזאמענגעשטעלט פון מר. לואיס ד. בראנדעיס, מר. הענרי ברוער און פראפעסאר דזשארדזש קירטשוועי אלס די פארטרעטער פון דער יוניאן און דר. פעליקס אדלער, טשארלז בערנהיימער און דזשאדזש וואלטער ס. נאיעז אלס פערטרעטער פון דער אסאסיאיישאן. דיעזער קאונסיל האט געארבייט צעהן טעג נאכאנאנד אין סוף הכל, האט געהאט 23 זיצונגען און האט ארויסגעגעבען א בעשלוס וואס איז בעקאנט אלס די „רעקאמענדיישאנס פון קאונסיל", — זעהט דעם אויגוסט נומער פון „לידיס גארמענט ווארקער").

רעדענדיג וועגען די שפעטערדיגע פאסירונגען פון יענער צייט האט פרעזידענט שלעזינגער דערצעהלט אין זיין רעפארט, דאס אזוי שנעל ווי דער קאונסיל האט ארויסגעגעבען זיין בעשלוס, פרייטאג, דעם 23טען יולי, האט די יוניאן דורך איהר פארשטעהער, געג. הילקוויט, ערקלעהרט, דאס זי נעהמט דעם בעשלוס אן. די מאנופעקטשורערס האבען אבער אבגעצויגען זייער איינשטימונג במשך א גאנצע וואך

הארמאני אין די רייהען פון די שניידער ארגאניזאציאנען.

דעלעגאט שלעזינגער פון אונזער אינטערנעשאנעל האט פערזיכערט די קאנווענשאן, דאס די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט ניט בעאבזיכטעט זיך צו שטעלען געגען די געזעצע פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, און פרעזידענט גאמפערס האט אונטערשטיצט דיעזע בעהויפטונג מיט אן ערקלעהרונג, דאס די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט אפיציעל מודיע געווען, אז זי וועט פאלגען די פאדערונג פון דער פעדערעישאן. עס זענען געפיהרט פריינדליכע אונטערהאנדלונגען און עס איז דא גוטע האפנונג. אלע די וואס ווינשען צו זעהן איינינקייט צווישען די ארבייטער פון שניידער־פאך, פיהלען אז דער אנפאנג איז געמאכט געווארען אבצושאפען די אומגליקליכע שוועריגקייטען וואס זיינען געלעגען אין וועג.

* * *

**וויל צוריק אויפבויען דעם ארבייטער אינטערנאציאנאל**

די קאנווענשאן האט בעשטימט צו נעהמען שריטע צוריק אויפצובויען די סאלידאריטעט פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטערשאפט. דיעזע רעזאלוציאן איז אנגענומען געווארען ביי איהר לעצטע זיצונג. און דאס וועט די קאנווענשאן אויסצייכנען פון אלע פריהערדיגע קאנווענשאנס. די אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע איז אליין צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע ראסען און נאציאנאליטעטען, איז דורך איהר אינטערנאציאנאלען כאראקטער און דורך איהר נייטראליטעט אין דער מלחמה, די פאסיגע קערפערשאפט פיר די וויכטיגע ארבייט פון צוריק אויפבויען דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער פערבאנד. גלייך ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועט פערופען ווערען אן אינטערנאציאנאלע טרייד יוניאן קאנווענשאן, וועלכע זאל אבגעהאלטען ווערען אין אמעריקא, מיט'ן צוועק צונויפצובינדען די ארגאניזירטע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט. דיעזער בעשלוס איז פון גרויסער וויכטיגקייט. איידער מען וועט דעם פערזוך מאכען צונויפצובינדען די ארבייטער ארגאניזאציאן פון דער וועלט, וועלען זיך פריהער די ארבייטער ארגאניזאציאנען פון דיעזער לאנד גופא מוזען קומען נעהענטער איינע צו די אנדערע. האפענטליך זיינען מיר אויפ'ן שוועל פון וויכטיגע געשעהניסע.

# בעשיצונג געגען פייער אין שעפער און פעקטארים

צוויי מערקווירדיגע פאסירונגען זיינען פארגעקומען כמעט אין דערזעלבער צייט. אין א שרעקליכען פעקטארי פייער אין ברוקלין זיינען א צאהל אונשולדיגע לעבענס אויפגעאפפערט געווארען צום גאט פון געלד. די נאכלעסיגע שטאדט־בעאמטע האבען געוואוסט פון דעם געפאהר, אבער זיי האבען קיין שריטע ניט גענומען איהם צו פערמיידען.

ארום דער זעלבער צייט ווען דאס האט פאסירט, האט די דזשאינט באארד אוו סעניטערי קאנטראל אין דער קלאוק, סוט, סקוירט, וועיסט און דרעס אינדוסטריען דערגרייכט איהר פינפטען געבורטסטאג און האט אבגעדרוקט א רעפארט, וועלכער צייגט דעם גרויסען פראגרעס אין געזונדס־איינריכטונגען, פייער־שוץ און געפאהר־פערהיטונג.

וואס האט מיטגעבראכט די אויסבעסערונג אין פערזיכערונגס־מעטהאדען אין אונזערע אינדוסטריען און די שוידערליכע טראגעדיע אין דער קענדי פעקטארי? מיר שרייבען אזעלכע טראגעדיעס אימטער צו צו די געלד־זיכט פון די באסעס, צו די נאכלעסיגקייט פון די שטאדט־בעאמטע און די גלייכגילטיגקייט פון קאפיטאל אין אלגעמיין צו די לעבענס פון ארבייטער. עס איז אבער דא א טיעפערע אורזאכע. אין אונזערע אינדוסטריען האבען מיר יוניאנס און ארגאניזאציאן און דערפאר קענען מיר די זאך קאנטראלירען. די דזשאינט באארד אוו סעניטערי קאנטראל איז דער לעבעדיגער אויסדרוק פון ארגאניזאציאן, אויפפאסונג און פייער פערמיידונג. אין פיעלע פון די אנדערע טריידס זיינען די ארבייטער ניט ארגאניזירט אבצוהאלטען די געלד־באפעניש פון די באסעס און צו ווירקען אויף די שטאדט־בעאמטע זיי זאלען טהאן זייער פפליכט. דער רעזולטאט איז דאס טויזענדער פעקטארים זיינען אמת'ע פייער־פאסטקעס. זאלען די ארבייטער אין זינען האבען דאס זיי אליין מוזען זיך בעפרייען פון די איבלען וואס רינגלען זיי ארום אין זייער אינדוסטריעלען לעבען. זיי אליין מוזען עס טהאן, קיין אנדערער וועט עס פאר זיי ניט טהאן. ביידע דערמאהנטע פאסירונגען לערנען די ארבייטער צו זיין ארגאניזירט אין א שטארקע יוניאן.

אירט איהר טשיעף־קלוירק אויפצונעהמען די ניט רעגולערע קאמפּליינטס און קלאר מאכען די פאקטען אויף וועלכע זיי זיינען בעגרינדעט, כדי מען זאל זיי קענען נאכזוכען און אויסגעפינען".

די אסאסיאיישאן האט אבגעלייקענט די בעשולדיגונג פון דער יוניאן געגען איהר, דאס די מאנופעקטשורערס האבען „פערלעצט יעדען פונקט פון אגרימענט, אויסער די העכערונג פון וויידזשעס צו די וואָך־ארבייטער". זיי האבען אויך אויסגעדריקט אונצופריעדענהייט דערמיט וואס די יוניאן ברינגט פאר דעם קאונסיל פראגען וואס זיינען פאראויס ניט פערהאנדעלט געווארען ביי קאנפערענצען.

(דער בעשלוס פון קאונסיל פון 22טען אקטאבער וועגען די אלע פראגען געפינט זיך אין דער ענגלישער אבטהיילונג פון דעם נאוועמבער נומער ליידיס גארמענט וואירקער).

---

פרעזידענט שלעזינגער זעצט פארט זיין בעריכט:

ביי דעם לעצטען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין שיקאגא האבען מיר שוין בעריכטעט דאס די צוויי קלאוק און סוט אסאסיאיישאנס אין ניו יארק, די „יונייטעד" און די „פראטעקטיוו" האבען זיך פעראייניגט און זייער ארגאניזאציאן צעהלט ארום 400 מיטגליעדער.

---

וועגען דעם טריעל פון אונזערע 8 ברידער אין ניו יארק, ווי איהר ווייסט, איז בר. לואיס האלצער בעפרייט געווארען נאך פאר דעם טריעל. מעטץ און וואולף זיינען בעפרייט געווארען איידער דער טריעל האט זיך געענדיגט; זיגמאן, סטופּניקער, זינגער, וויידינגער און אשפיז זיינען בעפרייט געווארען פון דער דזשורי. איצט האבען מיר נאך פיעלע אינדייטמענטס געגען א צאהל פון אונזערע מעמבערס אויף פערשיעדענע קלענערע בעשולדיגונגען. דער דזשאינט באארד האט ארויסגעלעגט א טעקס פון א דאלאר אויף יעדען מעמבער און די לאקאלס האבען איינגעצאהלט ארום 50 טויזענד דאלאר. עטליכע טעג איידער דער טריעל האט זיך געענדיגט האבען מיר ארויסגעשיקט אן אפיעל צו אלע יוניאנס וואס זיינען פערבונדען מיט דער אמעריקען פעדעריישאן אף לייבאר. איך גלויב דאס נאך אן אפיעל וועט איצט דארפען ארויסגעשיקט ווערען. די יוניאן נויטיגט זיך איצט גאנץ שטארק אין געלד פאר די גרויסע אויסגאבען פון די קומענדע טריעלס.

## פראגרעס אין שיקאגא.

זינט דעם לעצטען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען מיר אין שיקאגא געמאכט פארשריט ניט נור צווישען די קלאוקמאכער, זאנדערן אויך צווישען די ווייסט, ווהייט גודס און קימאנא ארבייטער. אין קלאוק טרייד איז אונז געלונגען צו ארגאניזירען ארום 80 פראצענט פון אלע ארבייטער. מיר האבען דארט אנגעפיהרט א שטארקען קאמפּיין פאר א דזשענעראל סטרייק; אלעס איז געווען שוין פארבערייטעט ארויסצורופען די ארבייטער אין א געוויסער שטונדע. צוויי טעג פריהער, איידער דער סטרייק האט געזאלט ארויסגערופען ווערען, האבען מיר אבער געקראגען בריעף פון די צוויי אסאסיאיישאנס, אז זיי זיינען צופריעדען איינצוגעהן אויף ארביטריישאן אויף אונזערע פאדערונגען. די יוניאן האט גלייך אויסגעקליבען פריינד וו. א. מהאססמאן אלס אונזער ארביטרייטאר; די מאנופעקטשורערס, פון זייער זייט, האבען ערוועהלט מר. סעמיועל קליין, און פעדעראל ריכטער דזשוליאן וו. מעק איז ערוועהלט געווארען פון ביידע צדדים אלס דער טשערמאן. דער לאיער פון די מאנופעקטשורערס איז געווען מר. א. י. פלאום און די יוניאן איז געווען פערטרעטען פון מיסטער זיסמאן, פון דער לאא פירמע דארראו, בעילי און זיסמאן. דער באארד פון ארביטריישאן, נאך עטליכע זיטצונגען, האט ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג דעם 4טען סעפטעמבער. אן אגרימענט איז געמאכט געווארען וואס שרייבט פאר אין שיקאגאער קלאוק טרייד זעהר גינסטיגע קאנדיציאנען, כמעט דיזעלבע ווי אין ניו יארק און אנדערע יוניאן שטעדט.

עס קומט אנערקענונג אונזער שיקאגא ארגאניזער, בר. פינקלער, פאר דעם ערפאלג פון אונזער אגיטאציאן. גלייך ווי די ענטשיידונג פון דער באארד פון ארביטריישאן איז ארויסגעגעבען געווארען, האב איך גלייך אנגעשטעלט בר. ביזנא אלס טשיעף קלוירק פאר די שיקאגא לאקאלס. אונזער מעמבערשיפּ איז איצט ארום 3000 און מיר האבען ארגאניזירט 62 פון די 71 שעפער. מיר האבען אויך געמאכט פיעל פראגרעס מיט די שיקאגא'ער ווייסטמאכער. 400 מיידלאך וואס זיינען בעשעפטיגט אין די הערצאג שעפער אין שיקאגא האבען געסטרייקט 5 טעג און ערהאלטען א פאלקאמענעם זיעג. זיי האבען זאגאר געקראגען א בעסערען אגרימענט ווי די ניו יארקער ווייסטמאכער. זינט דיזער סטרייק איז געסעטעלט געווארען, האבען מיר אויך ארויפגעקראגען אין דער יוניאן די ווייסטמאכערינס פון נאך א וויכטיגען שאפּ — סאפּקין בראס. איצט איז דער ווייסטמאכער לאקאל, נומער 59, אין א גאנץ גוטען צושטאנד און מיסס פאנני קאהן, אברהם ביזנא און בר. פינקלער טהוען אלס וואס זיי קענען צו סעטלען אלע קאמפּליינטס און צו ארגאניזירען דעם גאנצען טרייד.

ווייטערדיג אין שיקאגא האב איך זיך צוויי מאל געזעהן מיט די בעאמטע פון דער שיקאגא ריינקאוט מאכער יוניאן. זייער עקזעקוטיוו קאמיטע איז געווען נייגעריג ארויסצורופען א דזשענעראל סטרייק. איך בין געווען דאגעגען און האב זיי געראטהען צו פיהרען סטרייקס אין איינצעלנע שעפער. זיי האבען אבער מיך ניט געפאלגט און ארויסגערופען א דזשענעראל סטרייק. איצט ווילען זיי דאס די אינטערנעשאנעל זאל זיי געבען פינאנציעלע שטיצע. די ניו יארקער מעמבערס פון באארד האבען בעשלאסען צו ענטשיידען זייער פערלאנג.

זייט דעם לעצטען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז די ניו יארקער ריינקאוט מאכער געלונגען צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער און טרייד. איך בין געווען אנוועזענד ביי איינעם פון די קאנפערענצען וואס זיי האבען געהאט מיט די

און דאַן האָבן זיי דורך דער פּרעסע געלאָזט וויסען, דאָס זיי האָבן פאָרגעלעגט פאַר דעם קאָונסיל געוויסע אויסטײַטשונגען וועגען די „רעקאָמענדײשאָנס". די ניו יאָרקער מעמבערס פון דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, צוזאַמען מיט דעם דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, האָבען בעשלאָסען איבערצוגעבען צו א רעפערענדום די פראַגע, אויב א דזשענעראַל סטרייק זאָל גערופען ווערען אין ניו יאָרק, אין פאַל די מאַנופעקטשורערס וועלען זיך ענטזאָגען אָנצונעהמען דעם בעשלוס פון קאָונסיל, אָהן אירגענד וועלכע אויסטײַטשונגען, ביז דעם 3טען אויגוסט. דיעזער רעפערענדום־וואָוט האָט שטאַטגעפונען דעם 31טען דזשולײַ און 2טען און 3טען אויגוסט. ביינאַהע 40.000 מעמבערס האָבען געשטימט פאַר א דזשענעראַל סטרייק, און דער דזשאָינט באָארד האָט גלייך גענומען מאַכען פאָרבערייטונגען. דעם 3 אויגוסט האָבען אָבער די מאַנופעקטשורערס ביי א ספּעשעל מיטינג פון קאָונסיל אָון קאָנסיליאײשאָן ענדליך אָנגענומען דעם בעשלוס פון 23טען דזשולײַ אָהן פערטײטשונגען. אין פערלויף פון די זיצונגען פון קאָונסיל האָט די קאָמיטע פון די מאַנופעקטשורערס פערלאַנגט דאָס אוניאָנ פון די „ליגעל האָלידעיס" זאָלען אָבגעשאַפט ווערען און דאָס די פינישערס און פּרעסערס זאָל זיין ערלויבט, אין ברען פון סיזאָן, אויסצופינישען שבת פון 1 ביז 4 אוהר נאָכמיטאָג וועלכע אַרבייט וואָס דאַרף אַרויסגעשיקט ווערען דעם זעלבען טאָג. די קאָמיטע פון דער יוניאָן האָבען אָבער גע'טענה'ט, דאָס דיעזע פאָדערונגען זיינען געשטעלט געוואָרען פון די בעלי בתים אונגערוואַרטעטערהייט און זיי מוזען זיך פריהער מישב זיין מיט די מעמבערס. דער קאָונסיל האָט אָבגעלייגט די פראַגע אויף א מאָנאַט, אום צו געבען אונז צייט דיעזע פאָדערונגען גענוי דורכצושטודירען.

ענדע סעפּטעמבער האָט מר. ברוער, דער וויס־שערמאַן פון קאָונסיל, אונז געלאָזט וויסען, דאָס דער קאָונסיל וועט האָבען א מיטינג דעם 5טען אָקטאָבער צו בעשליסען דיעזע פראַגען. עס איז גראַד דאַן פאָרגעקומען דער טרייעל פון אונזערע זיעבען מעמבערס אין סופּרים קאָורט. מר. הילקוויט, דער חויפּט לאָיער פון אונזערע בעשולדיגטע ברידער און מיר אַלע זיינען געווען שטאַרק פערנומען מיט דער קייס. מיר האָבען דאַרום מודיע געווען מר. ברוער, דאָס מיר וועלען אויף קיין פאַל ניט קענען קומען צו די מיטינגען פון קאָונסיל ביז איבער'ן טרייעל. ניט אַכטענדיג אויף דעם, האָט דער קאָונסיל אַרויסגעבראַכט א טעמפּאָרערען בעשלוס, דאָס אין פערלויף פון מאָנאַט אָקטאָבער זאָלען די פינישערס און די פּרעסערס אַרבייטען שבת ביז 4 א זייגער און אויך „קאָלומבוס דעי", דעם 12טען אָקטאָבער, וואָס איז ביז איצט געווען איינער פון די „ליגעל האָלידעיס".

דיעזער בעשלוס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פרייטאָג דעם 8טען אָקטאָבער. אָבער מיר האָבען ניט בעקומען א קאָפּיע ביז דאָנערשטאָג דעם 11טען אָקטאָבער. דער פּרעזידענט פון דער פּראָטעקטיוו אַסאָסיאײשאָן האָט גלייך אַרויסגעשיקט א בריעף צו אַלע מאַנופעקטשורערס, דאָס זיי זאָלען מעהר ניט אָנערקענען „קאָלומבוס דעי" אַלס א „ליגעל האָלידעי" און אַלע אַרבייטער אויסער די קאַטערס דאַרפען אַרבייטען שבת ביז 4 אוהר נאָכמיטאָג. דאָס איז געווען אַן אונגערעכטע אויסטײַטשונג פון דעם קאָונסיל'ס צייטווייליגען בעשלוס.

דאָנערשטאָג, דעם 7טען אָקטאָבער, ביי א ספּעשעל מיטינג פון דעם דזשאָינט באָארד, איז בעשלאָסען געוואָרען צו פערוואַרפען דעם בעשלוס פון קאָונסיל, אויף דעם גרונד, דאָס דער קאָונסיל האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבען אירגענד וועלכען בעשלוס ווען אונזער צד איז ניט געווען פערטראַטען ביי דער זיצונג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס אונזערע מעמבערס זאָלען געפאָדערט ווערען ניט צו אַרבייטען שבת נאָכמיטאָג און זאָלען אָבהיטען „קאָלומבוס" טאָג אַלס א „ליגעל האָלידעי".

ביי א ניט אָפיציעלער קאָנפערענץ מיט דר. אַדלער און מר. הענרי ברוער, וואו איך בין געווען אַנוועזענד צו ערקלעהרען די שטעלונג פון דזשאָינט באָארד, און מר. געמאַקי און מר. נוויל האָבען פערטראַטען די אַסאָסיאײשאָן און גע[illegible]ט מיט פערשיעדענע זאַכען ווייבאַלד די יוניאָן וועט ניט אומבויגען איהר בעשלוס, האָט דר. אַדלער פאָרגעשלאָגען, דאָס אַזוי ווי די מאַנופעקטשורערס האָבען אַרויסגעשיקט צו זייערע מעמבערס א ניט־ריכטיגען בריעף, זאָלען זיי איצט אַרויסשיקען א צווייטען בריעף וואָס מר. ברוער זאָל פריהער דורכקוקען. דר. אַדלער האָט אויך פאָרגעשלאָגען דאָס די יוניאָן זאָל פערופען א מיטינג פון דזשאָינט באָארד און זעהן אָנגענעהמען דעם צייטווייליגען בעשלוס פון קאָונסיל. דר. אַדלער האָט געגעבען קלאָר צו פערשטעהן, דאָס אַזוי ווי דער קאָונסיל וועט אַרויסגעבען אַן ענדגילטיגען בעשלוס דעם 22טען אָקטאָבער און ביז דאַן איז פאַראַן נור איין שבת, דאַרף די יוניאָן אויספאָלגען דיעזען בעשלוס אָבוואָהל זי איז ניט געווען פערטראַטען ביי דעם מיטינג פון 5טען אָקטאָבער.

מיטוואָך דעם 14טען אָקטאָבער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען א ספּעשעל מיטינג פון דזשאָינט באָארד און מיט 18 געגען 14 שטימען איז דר. אַדלער'ס פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרען, און אַלע שאַפּ־טשערליידיס זיינען אינסטרואירט געוואָרען דיעזען בעשלוס דורכצופיהרען.

דעם 15טען אָקטאָבער האָט פּרעזידענט שלעזינגער געשיקט א בריעף צו דר. אַדלער און א קאָפּיע צו יעדען מעמבער פון קאָונסיל און פון דער אַסאָסיאײשאָן וועגען אונזער שטעלונג. די אַסאָסיאײשאָן האָט געענטפערט, דאָס זי איז ניט צופריעדען מיט דעם וואָס די יוניאָן האָט אָנגענומען דעם בעשלוס נור פאַר איין שבת, דעם 16טען אָקטאָבער, און זאָגט ניט צו אויסדריקליך אָנצונעהמען יעדען בעשלוס וואָס דער קאָונסיל וועט אַרויסגעבען דעם 22טען אָקטאָבער וועגען די ליגעל האָלידעיס און וועגען אָווערטיים שבת נאָכמיטאָג.

וועגען דעם פונקט פון אויסנעהמען קאָמפּלײנטס, האָט די אַסאָס'ן געענטפערט דאָס זי האָט „אינסטרו־

פו. לאָקאַל 56. דאָס זייער פאַרערונג איז אַ געדרעכטע און מיר האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ נייעם טשאַרטער אַלס לאָקאַל 24.

די אַלטערייטשאַן טיילאָרס אין ניו יאָרק, וואָס אַרבייטען אין דעפּאַרטמענט סטאָרס, זיינען ביז איצט געווען אַ טהייל פון לאָקאַל 9. דיעזער לאָקאַל איז אָבער געווען אַזוי פאַרנומען מיט פאַרשידענע פראַגען, דאָס ער האָט זיך ניט געקענט אָבגעבען מיט זיי, און איצט האָבען מיר זיי אָרגאַניזירט אַלס אַ בעזונדער לאָקאַל, נומער 30.

אין דער צייט פון מיין געצוואונגענער „וואַקיישאַן" אין די טומס, האָבען די לײדיס טיילאָרס פון ווינניפעג, קענעדע, פערלאַנגט אַ טשאַרטער. ווען איך בין אַרויס אויף בייל האָב איך גענוי אויסגעפאָרשט פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן און פון אַנדערע קוועלען אויב עס איז דאָרט דאַ אַ פעלד פאַר אַ לאָקאַל. איך האָב געוואָלט זיין זעהר פאָרזיכטיג ווענען אַרויסגעבען טשאַרטערס וואָס קענען אונז פערפלאָנטערן אין סטרייק און לאָקאַוטס. די אויסקינפטע וואָס איך האָב געקראָגען זיינען געווען זעהר גינסטיגע און מיר האָבען זיי געגעבען אַ טשאַרטער אַלס לאָקאַל 32.

פרעזידענט שלעזינגער האָט בעריכטעט אין זיין רעפּאָרט די בעוועגונג ביי די קאָרסעט אַרבייטער. די אַמעריקען פעדעריישאַן אָף לייבאָר האָט אָנגעפיהרט אַ מיכטיגען קאַמפּיין צווישען די אַרבייטער פון דיעזער אינדוסטרי אין די ניו ענגלאַנד סטייטס און זיי איז געלונגען אַרויסצורופען אין סטרייק די אַרבייטער פון איינע פון די גרעסטע פאַקטאָריס, די „וואָרנער בראָס.", אין ברידזשפּאָרט, קאָנן., וואו עס זיינען בעשעפטיגט צווישען 3 און 4 טויזענד לייטע. מרס. סקאַללי, די אָרגאַנייזערין פון דיעזע אַרבייטער, האָט וועגען דעם בעריכטעט צו ה. פרעיני, דער פאָרשטעהער פון דער א. פ. אָף ל. אין ניו יאָרק און בר. פרעיני האָט מודיע געווען פרעזידענט שלעזינגער. אָבער אַזוי ווי פרעזידענט שלעזינגער האָט געדאַרפט פערלאָזען ניו יאָרק, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט דיעזער סיטואַציאָן און האָב זיי געשיקט אַן ענגלישען און אַן אונגאַרישען רעדנער, ברודער ס. מאַרטין און עלמער ראָזענבערג. אַזוי ווי די אָרגאַנייזערס פון די א. פ. אָף ל. האָבען ניט געקענט אָבגעבען זייער גאַנצע צייט פאַר די קאָרסעט אַרבייטער, האָבען מיר גערופען ווייס־פּרעזידענט פּיערס פון קליוולענד און איהם געשיקט נאָך קאָנעקטיקוט און ער איז דאָרט נאָך ביז היינט. אויכעט לאָקאַל 33, וואָס מרס. סקאַללי האָט אָרגאַניזירט אין ברידזשפּאָרט, האָט ער אויך אָרגאַניזירט לאָקאַלס 34 און 39 קאָרסעט קאַטערס אין ברידזשפּאָרט און ניו־העיווען און לאָקאַל 40 פון קאָרסעטען מאַכער אין ניו־העיווען. די אַגיטאַציאָן אין ניו העיווען האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָכדעם ווי די ברידזשפּאָרטער אַרבייטערינען האָבען געוואונען זייער סטרייק. אַ קאָמיטע פון די ניו העיווענ'ער פרויען זיינען דאַן געקומען נאָך ברידזשפּאָרט און בר. פּיערס האָט זיי געהאָלפען אָרגאַניזירען זייערע צוויי לאָקאַלס.

נאָכדעם ווי מיסס שניידערמאַן, איינע פון אונזערע אָרגאַנייזערס, איז געקומען צוריק פון שיקאַגאָ, האָט זי געאַרבייט עטליכע וואָכען אין פילאַדעלפיאַ. ווען איך בין אַרויס אויף בייל און געקומען צוריק אין אָפיס, האָב איך בעשלאָסען צו שיקען איהר אַנדערשוואו. אַזוי ווי אין פילאַדעלפיאַ קען בר. סילווער זעלבסט אויפפּאַסען אויף דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט צווישען די ווייסט און דרעסמאַכער, האָב איך זי צוערשט געשיקט נאָך ניו הייווען, נאָכדער האָט זי געאַרבייט אַ פּאָאַר וואָכען אין ניו יאָרק פאַר די באָנאַז עמבראָידערי וואָירקערס און פאַר לאָקאַלס 41 און 50. דיעזע צוויי לאָקאַלס האָבען אונזער אינטערנעשאָנאַל געקאָסט אַ סך געלד און מיה זינט מיר זיינען געקומען צוריק פון קליוולענד. מיר האָבען געהאַט עטליכע מענעדזשערס פאַר דיעזע לאָקאַלס, צווישען זיי אויך בר. ס. מאַרטין, אָבער ווי עס שיינט, זיינען די אומשטענדען אין זייערע טריידס געווען אַזעלכע שלעכטע, דאָס מען האָט קיין פאָרטשריט ניט געקענט מאַכען. איך האָב דאַרום בעשטימט, דאָס מיסס שניידערמאַן זאָל אַרויסהעלפען זייערע אָרגאַנייזערס צו פאַרברייטען און אָנצוטרייבען בעוועגונג אין דיעזע טריידס פאַר דעם נעקסטען סיזאָן. ווען איך בין געקומען צוריק פון טרייעל, האָב איך געפונען דאָס מיסס שניידערמאַן איז בעשיקט געוואָרען נאָך ספּרינגפיעלד, מאַסס., און זי האָט אויפגעטהאָן גוטע אַרבייט ביי די דאָרטיגע קאָרסעט אַרבייטער. זי האָט זיי געהאָלפען געווינען אַ סטרייק און האָט אָרגאַניזירט עטליכע הונדערט אַרבייטערינס אין אַ פעסטען לאָקאַל, נום. 55.

פון וואָרסעסטער, מאַסס., האָבען מיר אַ געוויסע צייט צוריק געקראָגען אַ טעלעגראַם, דאָס „די אַרמעע איז מאָביליזירט" און איז פאַרטיג צו סטרייקען, נור זי וואַרט אויף אַ צושטימונג פון דזשענעראַל אָפיס. פרעזידענט שלעזינגער איז ניט געווען אין ניו יאָרק און איך אַליין האָב ניט געוואָלט גוטהייסען אַ סטרייק. האָב איך געשריעבען בר. ראָזענבערג אין באָסטאָן, ער זאָל אויפפּאַסען אויף דער סיטואַציאָן אין וואָרסעסטער. דער סטרייק האָט זיך געצויגען איבער 2 וואָכען און האָט זיך געענדיגט מיט ערפאָלג. מיר האָבען דיעזען סטרייק אונטערשטיצט מיט 250 דאָלאַר.

די ווייסט און ווהייט גודס אַרבייטער פון וואָרסעסטער האָבען בעלאַנגט צוזאַמען מיט די קלאָוק מאַכער צום לאָקאַל 75. דאָ ניט לאַנג האָבען מיר זיי געגעבען אַ בעזונדערען טשאַרטער אַלס לאָקאַל 48.

פאַר דער לעצטער צייט האָט דער אַלטער לאָקאַל, נומער 111, פון רעינקאָוט מאַכער אין קליוולענד, ווידער אויפגעלעבט.

לעצטען אויגוסט זיינען די באָנאַז עמבראָידערערס אין ניו יאָרק אַרויס אין סטרייק, און אַזוי ווי זיי האָבען געהאַט אַ גוטען סיזאָן, איז דער סטרייק שנעל געסעטעלט געוואָרען. איך האָב אָנגעשטעלט בר. סאָלאָוויאָף פאַר עטליכע וואָכען צו העלפען זיי דורך דער צייט פון סטרייק. שפּעטער, ווען מאַרטין האָט רעזיגנירט אַלס מענעדזשער פון לאָקאַלס 41 און 50 האָב איך אָנגעשטעלט בר. סאָלאָוויאָף אויף זיין אָרט און האָב אַפּוינטעד בר. וואָלף אויפצופּאַסען אויף דער סיטואַציאָן פון די לײדיס טיילאָרס,

מאַנופעקטשורערס. די באָסעס האָבען דאַן שוין געוואָלט איבערגעבען אַלע סכסוכים צו אַרביטרייטשאָן. זיי זיינען אָבער אָנגעפאַנגען מיט דער אַרבייט אַזוי לאַנגזאַם, דאָס די יוניאָן האָט דערווייל אַרויסגערופען די אַרבייטער אין אַ דזשענעראַל סטרייק, וואָס האָט אין גאַנצען געדויערט 2 טעג און איז געווען זעהר ערפאָלגרייך.

דער סטרייק פון די באָנאַז עמבראָידערערס איז אויך געווען גאַנץ ערפאָלגרייך.

אין קליוולענד איז דער אינטערנעשאָנעל געלונגען צו אָרגאַניזירען אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך בעראַטהען מיט אונזערע אָרגאַניזערס און מיט די טהעטיגע מעמבערס, וואָס זיינען גוט בעקאַנט מיט דער סיטואַציאָן אין קליוולענד, זיינען מיר געקומען צום שלוס דאָס צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען זאָלען מיר דעם סיזאָן ניט רופען קיין סטרייק אין קליוולענד.

וועגען סינסינעטי, קען איך אייך זאָגען, דאָס יעדען מאָל ווען איך האָב בעזוכט קליוולענד אָדער שיקאַגאָ, בין איך אויך געווען אין סינסינאַטי. דער בישאָף שאָפּ, די גרעסטע אין סינסינאַטי, בעהאַנדעלט די אַרבייטער זעהר שלעכט און מאַכט 40 פּראָצענט פון די אַרבייט ביי סאַב־מאַנופעקטשורערס אויסער סינסינאַטי. איך האָב קיין צווייפעל ניט, דאָס ווען אין סינסינאַטי וואָלט געווען מעהר אַרבייט, וואָלט מען געקענט שנעל געווינען אַ דזשענעראַל סטרייק. מיר דאַרפען דאַרום זיין פאָרבערייטעט אַרויסצורופען אַ דזשענעראַל סטרייק אין סינסינאַטי ביי אַ גינסטיגער געלעגענהייט.

מיר האָבען געמאַכט אויסערגעוועהנליכען פאָרטשריט מיט די קאָרסעט אַרבייטער אין ניו ענגלאַנד. ווייס־פּרעזידענט פיערס איז פאַר די לעצטע 6 וואָכען געווען פערנומען מיט דיעזער אַרבייט. די אַמעריקאַן פעדערייטשאָן אָף לייבאָר האָט אויסגעטהאָן זעהר פיעל צו מאַכען אונזער אַרבייט ערפאָלגרייך אין ברידזשפּאָרט און די אַרומיגע שטעדט.

מיר האָבען אָרגאַניזירט עטליכע הונדערט קאָרסעט־אַרבייטער אין ספּרינגפיעלד, מאַסס. מיסס ראָוז שניידערמאַן האָט געטהאָן די דאָזיגע אַרבייט. איצט איז זי אין וואָרסעסטער און מהוט אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט צווישען די דאָרטיגע קאָרסעט און ווהייט גודס אַרבייטער.

ביי איינעם פון די מיטינגען פון די ניו יאָרקער מעמבערס פון דזשענ. עקזעקוטיוו באָארד איז ערשינען אַ קאָמיטע פון די לוידיס טיילאָרס, לאָקאַל 38, און האָט פערלאַנגט דאָס מיר זאָלען גוטהייסען זייער דזשענעראַל סטרייק. די אינטערנעשאָנעל האָט זינט דעם 2טען דזשולי אָנגעפיהרט זעהר אַ לעבהאַפטע אַגיטאַציאָן צו אָרגאַניזירען די לוידיס טיילאָרס און פערבעסערען זייער לאַגע. ווען דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען האָבען מיר זיי געגעבען פּלאַץ אין אונזער אָפיס צו סעטלען מיט איינצעלנע בעלי בתים. די אַסאָסיאיישאָן פון דיזען טרייד האָט אַנגעשטעלט דזשאָהן ב. סטענטשפיעלד אַלס איהר לאָיער און מיר האָבען אָנגעפאַנגען צו פערהאַנדלען וועגען אַ קאָלעקטיווען אַגרימענט. די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט דאַן ערוועהלט אַ קאָמיטע צו אונטערזוכען דעם גאַנצען צושטאַנד. אין אָנפאַנג האָט די אַסאָסיאיישאָן פערלאַנגט דאָס אַלע פראַגען זאָלען איבערגעגעבען צום קאָונסיל אָוו קאָנסיליאיישאָן. ענדליך איז אונז געלונגען איבערצייגען מר. סטענטשפיעלד דאָס די פראַגע פון אַ יוניאָן־שאָפּ דאַרף גלייך ווערען אַנערקענט און ניט פערגעבראַכט ווערען פאַר אַרביטרייטשאָן. די סטרייקערס האָבען אָבער נור געוואָלט פאָרלעגען פאַר אַרביטרייטשאָן די נייע פאָדערונגען וואָס זיינען געשטעלט געוואָרען אין דיעזען סטרייק. די קאָמיטע פון דזשענ. עקז. באָארד האָט בעזוכט זייער מאַסס־מיטינג און די פראַגע פון אַרביטרייטשאָן איז נידערגעשטימט געוואָרען מיט 1100 שטימען געגען 3. דער רעזולטאַט איז געווען דאָס דער סטרייק אין די אַסאָסיאיישאָן שעפער און די גרעסטע שעפער אַפּטאַון איז ניט געוואונען געוואָרען. נאַטירליך, פערדריסט אונז דיעזער דורכפאַל. מיר האָפען אָבער, דאָס דיעזער פאַל וועט זיי דיענען פאַר אַ לעסאָן אין דער צוקונפט און דאָס זיי וועלען וויסען ניט צו לאָזען פערפיהרען זיך פון פרעמדע עלעמענטען פון אויטסייד, און דאָס נור דורך מאַכט און איינגעהאַלטענקייט קענען זיי פערבעסערען זייער לאַגע אין דער צוקונפט.

אכטונגספאָלל,

ב. שלעזינגער, פּרעזידענט.

---

## רעפּאָרט פון סעק.־טרעזשורער ויגמאַן.

צו די מעמבערס פון דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד:

פּרעזידענט שלעזינגער האָט בעריכטעט כמעט וועגען דער גאַנצער אַרבייט וואָס איז אויסגעטהאָן געוואָרען. איך וויל נור מיטטהיילען וועגען די נייע לאָקאַלס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען זינט לעצטען מיטינג אין שיקאַגאָ.

ווי איהר ווייסט, האָבען מיר לעצטענס אַרויסגענומען אַ לאָקאַל פון ריינקאָוט אַרבייטער אין באָסטאָן. צוליעב דער ביטערער סלעק וואָס האָט געהערשט אין טרייד, איז דער לאָקאַל אָבגעשטאָרבען. איצט איז אָבער זעהר ביזי און די ריינקאָוט אַרבייטער אין באָסטאָן האָבען אויסגעקעמפּפט וויכטיגע פערבעסערונגען אין טרייד. ווייס־פּרעזידענט קורלאַנד און דובינסקי האָבען דאָרט אויסגעטהאָן גוטע אַרבייט. איצט האָבען זיי ווידער יוניאָן קאָנדישאָנס אין זייערע שעפער און לאָקאַל 7 געפינט זיך אין אַ גאַנץ גוטען צושטאַנד.

מיר האָבען אַמאָל געהאַט אין סען־פראַנציסקאָ אַ לאָקאַל, נומער 8, בעשטעהענד פון קלאָוקמאַכער. עס האָט דאָרט אויך עקזיסטירט אַן אינדעפּענדענט לוידיס טיילאָרס יוניאָן. איצט האָט דיעזע אינדעפּענדענט יוניאָן, צוזאַמען מיט איניגע פון די מעמבערס פון אונזער אַלטען לאָקאַל, אַרויסגענומען אַ טשאַרטער פון אונזער אינטערנעשאָנעל און מיר האָבען דאָרט ווידער אַ לאָקאַל נומער 8.

אין באָסטאָן האָבען די סקוירט־מאַכער צוזאַמען מיט די קלאָוקמאַכער און די פינישערס בעלאַנגט צו איין לאָקאַל. דאָ ניט לאַנג האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג פאַר אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציאָן. זיי איז געלונגען איבערצייגען די איבריגע מעמבערס

געוואָרען סעטעלט, דעם 30טען אויגוסט, האָט גע־ דויערט א וואָך און האָט זיך געענדיגט מיט גרויס ערפאָלג. די 2500 ארבייטער וואָס האָבען זיך אין איהם בעטהייליגט, פערדיענען היינט צוויי מאָל אזוי פיעל ווי פאַר דעם סטרייק. דער לאָקאַל האָט איצט 3 טויזענד מעמבערס. ער האָט אויסגעצאָהלט אַלע חובות, האָט א נייעם אָפיס און איז צוגעגרייט פאַר דער סלעק־צייט. נאָך דעם ניו יאָרקער סטרייק בין איך אוועק נאָך באָסטאָן אויף דעם חשבון פון לאָקאַל 20 צו העלפען די באָסטאָנער רעינקאָוט מאַכער. מיר האָבען זיי ארויסגערופען אין סטרייק און געסעטעלט אין עטליכע טעג. איצט האָבען זיי א יוניאָן פון 700 מעמבערס. באָסטאָן איז א גרויסער צענטער פון ראַבער מאַנטלען. די אַמעריקען ראַבער קאָמפּאני אין קעמברידזש, לעבען באָסטאָן, בעשעפטיגט ארום 7000 מענשען".

---

וויס־פּרעזידענט קאָלדאָווסקי בעריכטעט:

„ביי דעם לעצטען מיטינג פון דזשענעראַל עקזע־ קוטיוו באָארד אין שיקאַגאָ, האָב איך רעפּאָרטעט וועגען דער אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט און די גוטע אויסזיכטען פאַר א נייע, שטאַרקע קלאָוקמאַכער יו־ ניאָן אין טאָראָנטאָ. ווען איך בין געקומען צוריק אין שיקאַגאָ האָב איך די ארבייט ניט אויפגעגעבען. איך בין דאָן אַנגעשטעלט געוואָרען אלס ביזנעס אייגדזשענט פאַר'ן דזשאָינט באָארד. אונזער ארבייט איז געווען זעהר ערפאָלגרייך אין יעדען הינזיכט.

פיעלע אונזערע מעמבערס האָבען מורא געהאַט דאָס די העכערונג פון דוּס אויף 25 סענט וועט שאַדען די אינטערעסען פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן. די מורא איז אָבער ניט געווען בעגרינדעט. פער־ קערט, נייע מעמבערס זיינען צוגעקומען יעדע וואָך און די איינקינפטע פון דער יוניאָן זיינען געוואַק־ סען. דער סיק־בענעפיט פאָנד, וואָס מיר האָבען איינגעפיהרט לעצטען מאַי, האָט ביז סעפּטעמבער געהאַט אן איינגאַהמע פון 50 דאָלאַר א וואָך; דאָס הייסט, מיר האָבען געהאַט 500 גוט־שטעהענדע מעמ־ בערס, אויסער די וואָס האָבען ניט בעלאַנגט צום פאָנד. דער לאָקאַל איז געווען טהעטיג און גוט־בע־ לעבט. שעפער וואָס זיינען ביז איצט ניט געווען אָרגאַניזירט, זיינען געוואָרען יוניאָן־שעפער, ניט אַכטענדיג אויף די אַלגעמיינע שלעכטע אומשטענדען אין קענעדע און אין אונזער טרייד ספּעציעל. אונזער יוניאָן איז געוואַקסען און געהאַט גרויסע האָפ־ נונגען פאַר דער צוקונפט.

מיר האָבען געהאַט פיעל ערנסטע קאָנפליקטען מיט די בעלי בתים, אויסער געוועהנליכע סכסוכים וועגען פּרייזען, „דיסטשאַרדזשעס", א. ז. וו., און האָבען זיי אַלע געסעטעלט צו גונסטען די ארבייטער. די צוויי וויכטיגסטע סטרייקס זיינען געווען ביי דער „קענעדע קלאָוק קאָ." און די פירמע „פּאַטריציאַ". ביי דער „קענעדע קאָ." האָבען די באָסעס געוואָלט איינפיהרען א נייע סיסטעם פון ארבייט וואָס וואָלט געשאַדעט די אינטערעסען פון די ארבייטער; און דעם צווייטען שאָפּ האָבען די ארבייטער פערלאַנגט מען זאָל זיי איבערסעטלען פּרייזען. אין ביידע פעלע האָט דער סטרייק ניט געדויערט מעהר ווי א וואָך און מיר האָבען געוואונען אונזערע פאָדערונגען.

איך האָב זיך אין יעדען פאַל בעמיהט צו פער־ מיידען געפעהרליכע סטרייקס, ווייל די אומשטענדען אין קענעדע האָבען דאָס געפאָדערט. אונזערע פיעלע סכסוכים זיינען ארויסגעקומען ערשטענס, צוליעב דעם וואָס אונזערע מעמבערס, זינט זיי זיינען אריין צוריק אין דער אָרגאַניזאַציאָן און האָבען דערפיהלט די מאַכט פון איינינקייט האָבען זיי אָנגעפאַנגען פער־ לאַנגען בעסערע ארבייטס־קאָנדיציאָנען, און צוויי־ טענס, ווייל אונזערע באָסעס האָבען זיך ניט געוואָלט בויגען און האָבען געקעמפּפט געגען יעדען פערזוך פון די ארבייטער צו פערבעסערען זייער לאַגע.

אָנפאַנג סעפּטעמבער איז געוואָרען אַביסעל ערגער. פיעלע פון די יונגערע קלאָוקמאַכער זיינען אוועק נאָך די פעראייניגטע שטאַאַטען, ווייל עס איז גע־ וואָרען סלעק, און אַנדערע האָבען מורא געהאַט, דאָס מען וועט איינפיהרען געצוואונגענע מיליטער־דיענסט. אונזערע לאָקאַלס האָבען געליטען. ווען איך האָב אויפגעגעבען מיין אַמט אלס ביזנעס אייגדזשענט, און דער דזשאָינט באָארד איז ניט געווען אימשטאַנד אַנצושטעלען אן אַנדערען אויף מיין פּלאַץ, ווייל די גאַנצע איינקונפט איז אוועק אויף דעקען די חובות פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר, וואָס האָט בעטראָפען 1500 דאָלאַר.

די לעצטע צייטען האָב איך געאַרבייט אין שאָפּ און האָב זיך ניט געקאָנט אָבגעבען מיט דער אָרגאַ־ ניזאַציאָנס־ארבייט, ווי פריהער. די ארבייט אין אָפיס איז דערווייל אַביסעל פערנאַכלעסיגט געוואָרען און דאָס מאַכט, נאַטירליך, א שלעכטען איינדרוק אויף די מעמבערס.

פיעלע פון אונזערע ארבייטער אין טאָראָנטאָ בעגרייפען נאָך ניט ריכטיג די וויכטיגקייט פון א טרייד־יוניאָן און מען דאַרף זיי אימער וועקען און אויפמונטערען. דיזיקער צושטאַנד און דער איבערי־ גער קאַמפּף מיט'ן באָס וועלען אויפהערען ווען מיר וועלען זיין אימשטאַנד צו איינינען זיך מיט אונזערע באָסעס ווי אין שיקאַגאָ, ניו יאָרק, באָסטאָן, פילא־ דעלפיא א. ז. וו., אום צו צווינגען זיי אויפצונעהמען אונזער פּלאַן וועלען מיר דאַרפען בענוצען דיזעלבע מיטלען וואָס זיינען דאָרט בענוצט געוואָרען. „אונ־ זערע לאָקאַלס אין טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל האָפען דאָס די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד וועט זיי העלפען אין דער נאָהענטער צוקונפט געווינען בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען".

---

וויס־פּרעזידענט קאָהען פון קליוולענד ער־ קלעהרט דאָס די לאַגע אין קליוולענד איז גענוי ארומגערעדט געוואָרען אין פּרעזידענט שלעזינגער'ס רעפּאָרט. ער גלויבט דאָס אין פערלויף פון קו־ מענדען ספּרינג־סיזאָן וועלען מוזען גערופען ווערען איניגע סינגעל שאָפּ סטרייקס. דער קליוולענדער קאַטערס לאָקאַל האָט איצט פערלאַנגט פון דזשאָינט באָארד, דאָס מען זאָל זיי ערלויבען ארויסצורופען איינצעלנע סטרייקס. מען וועט מוזען אָנגעהמען מיטלען ווי אַזוי אָנצוהאַלטען די גרויסע מעמבער־ שיפּ פון די קליוולענדער לאָקאַלס. אין קליוולענד געפינט זיך ארום 500 ווייסטמייקערס. בר. פערל־

וואס האבען זיך דאן אנגעפאנגען פארבערייטען פאר א דזשענעראל סטרייק.

אונזער לאקאל אין לאס־אנדזשעלעס האט לעצטען זומען דורכגעמאכט א סטרייק און אויך אונזער פערלאנג האט די אמעריקען פעדעריישאן אף לייבאר געשטעלט איהר ארגאניזער אין לאס־אנדזשעלעס צו דיענסט. דער סטרייק האט זיך פערצויגען פינף וואכען און איז ענדליך געסעטעלט געווארען מיט ערפאלג. מיר האבען זיי צוגעשיקט 300 דאלאר.

אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע מאנאטען איז אין אונזער אינטערנעשאנעל ענטשטאנען די פראגע וועגען דעם סכסוך פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מיט דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק, צוליעב דעם וואס די געווערקשאפטען האבען ניט אויסגעשלאסען די לאקאלס פון די אמאלגעמייטעד קלאדינג וואירקערס. די אמעריקען פעדעריישאן אף לייבאר האט ניט לאנג צוריק בעאויפטראגט אלע אינטערנעשאנעלס און די אנדערע ארגאניזאציאנען וואס זיינען מיט איהר פערבונדען, זיי זאלען ארויס פון די געווערקשאפטען דערפאר וואס זיי אנערקענען די שניידער לאקאלס וואס האבען זיך אבגעשפאלטען פון די יונייטעד גארמענט וואירקערס לעצטען יאהר. ווען די סענטראל לייבאר יוניאן האט פערלאנגט פון אונזערע לאקאלס, אז זיי זאלען זיך צוריקציהען פון די געווערקשאפטען, צו וועלכע זיי האבען בעלאנגט אזוי פיעל יאהרען, האבען זיך אונזערע לאקאלס געווענדעט צו אונז פאר אן עצה. מיר זיינען אבער דאן ניט געווען ענטשלאסען אין דער פראגע און די זאך הענגט נאך אלץ אין דער לופטען. עס איז נויטיג, אז מיר זאלען איצט פאסען א בעשלוס.

די קאנווענשאן פון א. פ. אף ל. וועט שטאטפינדען אנפאנג נעקסטען מאנאט. אונזער קליוולענדער קאנווענשאן האט אויסגעקליבען פינף דעלעגאטען. איינער פון זיי, בר. דייש, האט רעזיגנירט. לויט אונזער מעמבערשיפ זיינען מיר בערעכטיגט צו 6 דעלעגאטען און איהר וועט דא דארפען בעשליסען וועגען דיזער דעלעגאציאן.

אונזער אוידיטאר, בר. ראבינאוויטש, האט בעזוכט אונזערע לאקאלס אין באסטאן, פילאדעלפיא און קאנעקטיקוט די לעצטע צייט. פרעזידענט שלעזינגער האט איהם דא ניט לאנג ארויסגערופען נאך שיקאגא צו אונטערזוכען א געוויסען טראבעל אין לאקאל נומער 81.

ביי דעם לעצטען פיערטעל־יעהרליכען מיטינג האט איהר געגעבען פרעזידענט שלעזינגער די מאכט צו מאכען ענדערונגען אין אונזער מאנאטליכען זשורנאל, דער „לידיס גארמענט וואירקער", כדי צו פערגרעסערען זיין איינפלוס און מאכען איהם מעהר פאפולער צווישען אונזערע מאססען. דא ניט לאנג האט פרעזידענט שלעזינגער געהאט א קאנפערענץ מיט די פרעסס קאמיטעס פון לישאינגס באארד אין ניו יארק אין לאקאל 25 און געוויסע פלענער זיינען אויסגעארבייט געווארען וועגען אלע ציימשריפטען וואס ווערען ארויסגעגעבען פון אונזערע לאקאלס.

אכטונגספאלל, מאררים זיגמאן,
דזשענעראל סעק.־טרעזשורער.

ברודער מעץ בעריכטעט, דאס גלייך נאך דעם לעצטען מיטינג אין שיקאגא, האט ער ארגאניזירט א פערזאמלונג אין סינסינאטי. ער איז געווען ביי איניגע עקזעקוטיוו מיטינגס פון לאקאל 50. זינט דעם 11טען מאי איז ער אבער ליידער אבגעשניטען געווארען פון אקטיווער ארבייט צוליעב זיין ארעסט.

---

בר. באראף בעריכטעט, דאס ער, צוזאמען מיט בר. דובינסקי, זיינען בעפאלמעכטיגט געווארען אונטערצוזוכען די צושטענדע אין נוארק, ניו דזש., אבער אזוי ווי דובינסקי איז געווען פערנומען מיט די רעינקאוט מאכער אין ניו יארק, איז ער אליין געפאהרען נאך נוארק און האט זיך געזעהן מיט מיסס קרויג, די ארגאניזערין פון דעם לאקאל, און מיט איניגע פון די טהעטיגערע מיידלאך. די לאגע אין נוארק איז ניט זעהר צופריעדענשטעלענד. די מיידלאך, מייסטענס אידישע, פערלאנגען א אידיש־שפרעכענדע ארגאניזערין. ביי דער נאקטוואל [illegible] קאמפאני פון ניו יארק האט דא ניט לאנג אויסגעבראכען א סטרייק. האבען מיר זיך דערוואוסט, אז זי האט א שאפ אין נוארק. מיר האבען דארט גלייך געשטאפט די ארבייט און די פירמע האט געסעטעלט דעם סטרייק אין דריי וואכען צייט.

---

וויס־פרעזידענט לעפקאוויטץ בעריכטעט, דאס אלס טשערמאן פון דער קאמיטע וואס איז אפאינטעט געווארען צו פעראייניגען לאקאלס 3, 38 און 65 האט ער געטהאן אלעס מעגליכע צוזאמענצוברינגען דיעזע לאקאלס, אבער אבוואהל דיעזע לאקאלס רעדען וועגען פעראייניגונג, האנדלען זיי גאנץ אנדערש ווען עס קומט צו א בעשלוס.

ווען דער דזשענעראל סטרייק פון די לוידיעס טיילארס האט אויסגעבראכען, האט די קאמיטע געזוכט צו בעוועגען די סעטלמענט קאמיטע פון לאקאל אנצונעהמען איהר פלאן דעם סטרייק צו סעטלען. די סעטלמענט קאמיטע פון לאקאל 38 האט זיך אבער ענטזאגט צו געהן צום מעיאר'ס קאונסיל אוו קאנסיליאיישאן מיט די פראגען וועגען ארבייטס־שטונדען, וואך אדער שטיק־ארבייט און „דיסטשארדזש". ווען אונזער קאמיטע איז געקומען צו זייער מיטינג מיט א פארשלאג צו געבען דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד די מאכט צו סעטלען דעם סטרייק, האבען זיי דעם פארשלאג פערווארפען מיט 1100 געגען 3.

בר. לעפקאוויטץ בעריכטעט אויך, דאס ער האט פערטראטען דעם אמט פון סעקרעטער־טרעזשורער פאר עטליכע טעג צייט, ווען ברודער זיגמאן איז געווען אבוועזענד. עס האט גראד דאן פאסירט דער דיספיוט אין רעינקאוט טרייד און ער איז געווען אנוועזענד ביי די קאנפערענצען מיט די מאנופאקטשורערס.

---

ברודער דובינסקי בעריכטעט פאלגענדעס:

„ווען איך האב אויסגעגעבען מיין אמט אין דזשוירזי, זיינען דארט געווען 60 שעפער. איך האב זיך דאן פערנומען מיט די פארבערייטונגס־ארבייט פון דעם דזשענעראל סטרייק פון די רעינקאוט מאכער. מיר האבען געהאט עטליכע קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס. דער סטרייק איז ארויסגערופען

2200 מעמבער און פרויען אין דיזען לאקאל. ער האט געהאט 30 סינגעל שאפ סטרייקס און זיי זיינען אלע ערפאלגרייך געסעטעלט געווארען. ער פערלאנגט דאס די אינטערנעשאנעל זאל אנשטעלען אן ענגליש־שפרעכענדען ארגאניזער און ער גלויבט דאס אין פינף־זעקס וואכען צייט וועלען דיזע טריידס זיין פאלשטענדיג ארגאניזירט.

פ. אייזנער, א קאמיטע פון לאקאל 66, ברוקלינער לוידיעס טיילארס, פערלאנגט דאס די דזשענ. עקזעקוטיוו באארד זאל גוטהייסען א דזשענעראל סטרייק אין זייער טרייד און העלפען זיי פינאנציעל.

ברידער שאהן און פאלין, א קאמיטע פון פילאדעלפיער דזשאינט באארד, פערלאנגען, דאס די דזשענ. עקז. באארד זאל ביישטייערן די עקספענסעס (אן ערך 400 דאלאר) פאר א גרויסען מאסס־מיטינג אין פילאדעלפיא צו פייערן די בעפרייאונג פון די ניו יארקער ברידער, אנשטאט דעם מיטינג וואס די פאליצוי האט געסטאפט דעם פאריגען זונטאג. דער פערלאנג ווערט בעוויליגט.

בעשלאסען, דאס די שיקאגא רעינקאוט מייקערס, לאקאל 54, קענען אליין איצט אויספאסען אויף זייער סטרייק.

לאקאל 20 בעדאנקט בר. ויגמאן און דובינסקי פאר זייער ארבייט אין דעם סטרייק. דער לאקאל איז איצט אין א גוטען צושטאנד.

לאקאל 58, די וויסט באטאנהאל מייקערס פערלאנגען אויף דאס ניי, דאס די באטאנהאל מייקערס פון לאקאלס 41, 25, 50 און 62 זאלען טרעספערירט ווערען צו זייער לאקאל.

די פראגע וועגען דעם סכסוך צווישען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מיט דער סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק ווערט אבגעלעגט ביז נאך דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר.

בעשלאסען צו ענטפערען בר. מ. י. אשפיז, סעקרעטער פון לאקאל 1, אויף זיין פארשלאג אייננצופיהרען געוויסע רעפארמען אין דער רעפרעזענטאציאן פון די לאקאלס אין דער ניו יארקער דזשאינט באארד, אום זי זאל קענען בעסער אויפפאסען אויף די אינטערעסען פון די קלאוקמאכער, דאס לוים דער מיינונג פון דער דזשענ. עקזעקוטיוו באארד איז דער דזשאינט באארד צוזאמענגעשטעלט און איינקלאנג מיט דער קאנסטיטושאן פון דער אינטערנעשאנעל.

פרעזידענט שלעזינגער'ס אקציאן אין ניו יארק ווערט גוטגעהייסען.

דער בעריכט דאס בר. ביזנא איז איצט דער משיעה קלוירק און בר. פינקלער דער ארגאניזער, אין שיקאגא, ווערט גוטגעהייסען. די פראגע וועגען די אויסגאבען פאר ארגאניזאציאנס־ארבייט אין שיקאגא ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל אפיס.

דער דזשענעראל אפיס ווערט בעפאלמעכטיגט אנצוגעהן מיט דער ארגאניזאציאנס־ארבייט אין קליוולענד און, אויב נויטיג, אויך אבצוהאלטען א פובליסיטי קעמפיין.

די פראגע וועגען סינסינאטי ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל אפיס.

בעשלאסען צו שיקען נור איין דעלעגאט, פרעזידענט שלעזינגער, צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר אין סאן־פראנציסקא.

בר. קאלדאווסקי, קאפטע און קאהען זיינען בעשטימט געווארען אלס קאמיטע פאר לאקאל 38, און בר. טעטץ, לעפקאוויטש און האלפערין אלס קאמיטע פאר די אנגעלעגענהייטען פון לאקאל 25.

דער פערלאנג פון בר. קאלדאווסקי פאר א ארגאנייזער פאר טאראנטא ווערט אבגעלעגט ביז נעקסטען מיטינג. דערווייל וועט דער דזשענעראל אפיס העלפען ווי ווייט מעגליך.

די פראגע וועגען לאקאל 41 און 50 ווערט איבערגעגעבען צום דזשענעראל אפיס מיט פאלמאכט אנצושטעלען נייע ארגאניזערס און דורכפיהרען נויטיגע פלענער.

בעשלאסען צו שיקען בר. וואולף און וויינבערג צו אדרעסירען א מאססמיטינג אין באלטימאר שבת, דעם 3טען אקטאבער.

בעשלאסען דאס בר. טעטץ, האלפערין און לעפקאוויטש זאלען אונטערזוכען דעם פערלאנג פון לאק. 58 פאר אן ארגאנייזער פאר 6 מאנאטען.

דער פערלאנג פון דער עמבראידערערס יוניאן, לאקאל 6, וועגען א דזשענעראל סטרייק ווערט איבערגעגעבען צו די ניו יארקער מעמבערס פון באארד.

בעשלאסען, צו געבען 25 דאלאר צו דער חברה שעלטערינג און אימיגראנט עיד סאסייעטי.

בעשלאסען, דאס די קאמיטע וואס איז ערוועהלט געווארען צו אונטערזוכען לאקאל 38 זאל אויך אונטערזוכען לאקאל 65.

בעשלאסען, צו שיקען א גראטולאציאנס רעזאלוציאן צום דזשאינט באארד פון ניו יארק וועגען די בעפרייאונג פון אונזערע מעמבערס און פערדאמען די האנדלונג פון דיסטריקט אטורני פערקינס.

---

ברודער באראף, פאר דער אפיעל קאמיטע, בעריכטעט וועגען פערשיעדענע אפיעל קייסעס וועלכע די קאמיטע האט אונטערזוכט און געשליכטעט.

בעשלאסען ניט פערטצוזעצען די אראנדזשמענטס וואס זיינען געמאכט געווארען מיט דעם דזשאינט באארד פון ניו יארק וועגען דעם ניו דזשערזי אפיס.

בעשלאסען, איבערצוגעבען די פראגע פון אנשטעלען ארגאנייזערס צום דזשענעראל אפיס, ווי ביז איצט.

אויף דעם פערלאנג פון וויס־פרעזידענט דובינסקי ווערט ערוועהלט א קאמיטע פון בר. באראף, לעפקאוויטש און פיערס אונטערצוזוכען זיינע פינאנציעלע רעכענונגען פון דעם ניו דזשערזי אפיס.

ביי א שפעטערען מיטינג פון די ניו יארקער מעמבערס פון באארד, וואס איז אבגעהאלטען געווארען דעם 8־טען נאוועמבער 1915, האט בר. דובינסקי דערלאנגט א קאפיע פון פאלגענדען בריעף פון פיליפ קאפלאוויטש, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דזשאינט באארד:

„אקטאבער 25טען, 1915.

היערמיט ווערט בעשטעטיגט, אז הערי דובינסקי, דער געוועזענער מענעדזשער פון דעם דזשערזי אפיס, האט פאלשטענדיג געסעטעלט מיט'ן דזשאינט

שטיין האט איצט ארגאניזירט א לאקאל אין דעם טרייד. די רעינקאוט מאכער, לאקאל 111, איז אויך געווארען זעהר טהעטיג.

---

וויס־פרעזידענט קורלאנד בעריכטעט, דאס די באסטאנער לאקאלס געפינען זיך אין א גוטען צושטאנד. ער האט זיך פיעל אבגעגעבען מיט דער רעארגאניזאציאן פון לאקאל 7, די באסטאנער רעינקאוט מייקערס, און אויך מיט זייער סטרייק און איצט איז דיעזער לאקאל אין א גוטען צושטאנד. דער לאקאל האט א טרעזשורי און א צאהלרייכע מיטגליעדערשאפט. לאקאל 12, קלאוק פרעסערס, האלט זיך אביסעל פון דער ווייטענס פון די איבריגע לאקאלס, ער האט זאגאר געשאפען אן אייגענעם דעפענס־פאנד. לאקאל 49, די ווייסט־מייקערס, האט איצט אנגעשטעלט אן ארגאנייזער און ארבייט זיך ארויף גאנץ שעהן; ער האט שוין א טרעזשורי פון עטליכע הונדערט דאלארס. לאקאל 73, קאסטערס, איז אין א גוטען צושטאנד. ער האט א 100 גוטשטעהענדע מעמבערס.

אויף דעם פערלאנג פון בר. ראזענבערג האט ער, וויס־פרעזידענט קורלאנד, געהאלפען די קלאוקמאכער אין וואוסטער, לאקאל 75, סעטלען זייערע טראבעלס. די ווייסט מייקערס און ווהייט גודס ארבייטער אין וואוסטער זיינען זעהר טהעטיג און זיי שטעלען צוגרייט כמעט די גאנצע עקזעקוטיוו פון לאקאל.

---

בר. אמדור בעריכטעט, ווי פאלגט:

„אייך איז בעקאנט, דאס גלייך נאך דעם ווי מיר האבען אונטערגעשריבען דעם אגרימענט לעצטען יאהר, האבען מיר זיך גענומען נעהמען ארגאניזירען די שעפער. דאן זיינען געקומען שלעכטע סיזאנס און מיר האבען ניט געקענט אונטערנעהמען פיעל ארבייט. ביי דעם אנפאנג פון איצטיגען פאלל־סיזאן, האבען מיר אבער אנגעפיהרט א לעבעדיגע אגיטאציאן און אין א משך פון איניגע וואכען האבען מיר ארגאניזירט כמעט אלע שעפער אין פילאדעלפיא. דער רעזולטאט איז, אז מען האט דיעזען סיזאן געסעטעלט פרייזען אומעדום, זאגאר אין אזעלכע שעפער וואו מען האט שוין פאר עטליכע יאהר דערפון ניט געוואוסט. אין פיעלע שעפער האט מען געסעטעלט אויף העכערע פרייזען. אנפאנג דזשולויי האט אלעס אויסגעזעהן גינסטיג פאר אונז, אבער ליידער האט זיך ווידער אנגעפאנגען סלעק.

„אנפאנג פאלל־סיזאן האבען מיר געפלאנעוועט צו מאכען געוויסע אויסבעסערונגען אין אונזער אגרימענטס. מיר האבען געהאט גוט בעזוכטע מעמבער־מיטינגס און האבען דיסקוטירט געוויסע פונקטען און זיי איבערגעגעבען צו א קאמיטע פון 60 פערזאן, אז זיי זאלען, צוזאמען מיט דער דזשאינט באארד, זעהן זיי דורכפיהרען. א קאנפערענץ האט געזאלט ארראנזשירט ווערען מיט די מאנופעקטשורערס און פרעזידענט שלעזינגער האט אונז פערשפראכען די פראגען אויסצופיהרען ביי דיעזער קאנפערענץ. ליידער, האט זיך דאן אנגעפאנגען שארפע מצבים אין ניו יארק און די בעאמטע פון דער אינטערנעשאנעל זיינען געווען שטארק פערנומען. אביסעל שפעטער, ווען עס האט זיך ארויסגעוויזען א שלעכטער סיזאן, האבען מיר עס געהאלטען פאר ניט פראקטיש צו שטעלען אירגענד וואסערע פאדערונגען צו די בעלי בתים, סיידען עס וועט זיין א סך ארבייט.

„דורך דעם גאנצען מאנאט דזשולויי זיינען אונזערע בעציהונגען מיט דער וואומען'ס וועיר מאנופעקטשורערס' אסאסיאיישאן געווען זעהר אנגעשטרענגט. די קלוירקס האבען ניט געקענט איינשטימען אין קיין פראגע, און דער גריוועגס באארד, בעשטעהענד פון דריי מאנופעקטשורערס און דריי יוניאן לייט, אהן א טשערמאן צו ענטשיידען פראגען, האט קיינמאל ניט געקענט איינשטימען אין אירגענד וועלכען ספסוך. מיר האבען ניט געוואלט געהן מיט יעדער קייס צו דירעקטאר בארטער. האב איך פארגעשלאגען, דאס מיר זאלען ערוועהלען אן אונפארטייאישען טשערמאן, וואס זאל ענטשיידען די קייסעס אין וועלכע מיר קענען זיך ניט איינינען, און אז יעדער צד זאל האבען דאס רעכט צו אפעלירען צו דירעקטאר בארטער. די מאנופעקטשורערס האבען זיך אבער ענטזאגט אנצונעהמען אונזער פארשלאג. אלזא האבען מיר אויפגעהערט פערהאנדלען קייסעס מיט זיי און האבען געהאט פיעלע שאפ־סטרייקס און טראבעלס.

„די אסאסיאיישאן האט ערקלערט די יוניאן צו דירעקטאר בארטער און ער האט אונז געראטען, דאס מיר זאלען ווידער אנפאנגען צו פערהאנדלען מיט דער אסאסיאיישאן ביז וואנען ער וועט ארויסגעבען זיין ענטשיידונג. א פאאר טאג שפעטער האט ער ענטשיעדען דאס ביידע צדדים זאלען אנשטעלען אן אונפארטייאישען טשערמאן, ווי מיר האבען געפאדערט. איך האב פארגעשלאגען געוויסע פערזאנען, אבער די אסאסיאיישאן האט זיי ניט אנגענומען. איך האב צוגעשטימט צו איינעם וואס זיי האבען פארגעשלאגען, אבער דיעזער האט ניט געוואלט אננעהמען דעם אמט. איצט ווארטען מיר דאס דירעקטאר בארטער זאל נאמינירען א מאן פאר דעם אמט.

„די ביטערע סלעק פון לעצטען יאהר האט אונז געשטערט אויפצובויען א פעסטע ארגאניזאציאן, ווייל עס האט זיך נור געצייגט ארבייט אין די שעפער, האט זיך דער עולם א לאז געטהאן אין דער יוניאן מיט אזא חשק, וואס בעווייזט, דאס אבוואהל אונזערע קלאוקמאכער גלויבען ניט דעם אגרימענט, דאך זיינען זיי גוטע יוניאן לייט. מיר וועלען זעהן אנשטרענגען אלע קרעפטען איבערצוקומען די שלעכטע צייטען ביז וואנען די גינסטיגערע סיזאנס וועלען קומען".

---

## קאמיטעס, צושריפטען און בעשליסע.

מיסס ליטווינאוו און בר. סילווער, ערשיינען אלס א קאמיטע פון פילאדעלפיער ווייסט און טשילדרען דרעסס מייקערס לאקאל. זיי ערקלעהרען, דאס זיי ווערען געשטערט אין זייער אגיטאציאנס ארבייט צווישען די ענגליש־שפרעכענדע ארבייטער פון טרייד, ווייל זיי האבען ניט קיין ענגליש שפרעכענדען ארגאנייזער. פאר די 6 מאנאטען וואס בר. סילווער איז געווען אין פילאדעלפיא האט ער ארגאניזירט

# דערנעהענטערן מיר זיך צו איינינקייט אין דער ארבייטער בעוועגונג?

אן אלטע פראגע אין א נייער פארמע

פון א. ראזבורי.

**פאלעמיק און היציגע דעבאטען — א דורכפאל.**

עס זיינען פאראן פערשיעדענע סמנים, וואס בעווייזען, אז מיר דערנעהענטערן זיך צו איינינקייט אין דער ארבייטער בעוועגונג. סאציאליסטען און טריידיוניאניסטען זיינען איצט פיעל מעהר געניינט צו האנדלען צוזאמען, ווי זיי זיינען געוועזען מיט יאהרען צוריק. צווישען די סאציאליסטען אליין ווערט אויך ביסלעכווייז פערשוואונדען דער געראנק, אז מיינונגס־פערשיעדענהייט, איבער די פראגע פון טהעאריע אדער טאקטיק, דארף אדער מוז ווי אבטהיילען אין בעזונדערע פראקציעס און פארטייען. נאך יאהרענלאנגע ערפאהרונגען, הויבען מענשען אן ווערען אביסעל טאלעראנטער. זיי קומען איצט צום שכל, אז פראגען פון טאקטיק און טהעאריע, *איבער וועלכע עס איז פאראן חילוקי הדעות*, קען מען זיך האלטען פריוואט, און דערווייל איינינגען זיך אין פראגען אין וועלכע מען איז איינפערשטאנען.

דער אמת איז, אז דער אמת איז ווי איינער זעהט איהם און פיהלט איהם. ער איז, פונקט ווי די מענשען אליין, ניט גאנץ פאלשטענדיג, ניט דער ריינער אמת, ניט דער גאנצער אמת. דאס איז דערפאר, וואס דער אמת דארף אויסגעדריקט ווערען דורך אונפאלקאמענע מענשען, וועמעס מוח איז ניט און קען ניט זיין פאלקאמען. ווייל ווי קלוג א מוח זאל ניט זיין, מוז ער א מאל מאכען א טעות אין רעכענונג. ערפאהרענע מענשען, וואס האבען בעקומען זייער ערפאהרונג דערפון, וואס זיי האבען געמאכט א סך טעות'ן אין לעבען, זיינען אימשטאנד צו זעהן, ווי אמת עס איז, אז דער אמת בעשטעהט פון פיצלאך און ברעקלאך. אין געזעלשאפטליכע ענינים איבערהויפט, קען א זאך זיין אמת היינט און אויפהערען זיין אמת 10 אדער 20 יאהר שפעטער.

דער לאגישער פועל יוצא דערפון איז, אז הגם מיר דארפען פערטהיידיגען אונזער מיינונג מיט היטץ און ענטהוזיאזם, דארפען מיר אבער אויסנוצען יעדע געלעגענהייט צו איינינגען זיך דארט וואו מיר קענען, אום דערביי צו ערגרייכען א גוטען ציעל. אין דער ארבייטער בעוועגונג הויבט דאס היינט אן ווערען מעהר און מעהר אן אנגענומענער כלל. ווי שוין געצייגט, איז היינט ניטא קיין פיערטעל פון דער אפאזיציאן און פארטיי־קאמפף, וואס איז געוועזען מיט יאהרען צוריק צווישען די סאציאליסטען און טריידיוניאניסטען, אדער סאציאליסטען און אנארכיסטען. דער היינטיגער קאמפפס־ווארט איז א ר ג א נ י ז א צ י א ן און ק א א פ ע ר א צ י א ן.

דער בעסטער בעווייז איז, אז ווי טיעף מיינונגס־פערשיעדענהייט צווישען סאציאליסטען און אנארכיסטען זאל ניט זיין, קען זיך דער אמאליגער ברענענדער קאמפף צווישען זיי *בשום אופן מעהר ניט ווידערהאלען*. מיט 20־30 יאהר צוריק, פלעגען אימער פארקומען אויף די פלאטפארמעס פון די טריידיוניאנס שטורעמדיגע דעבאטען. ניט נור האט מען זיך היים געקאכט איבער ריין־טעארעטישע פראגען, נור אויך איבער פראגען פון טאקטיק און מעטאדען. אזוי ווי די סאציאליסטען און אנארכיסטען זיינען געווען די פיאנערען פון די יוניאנס, האט יעדע גרופע געפרובט ציהען די ארבייטער ארגאניזאציאנען אויף איהר זייט. די סאציאליסטען האבען הייס געקעמפט פאר פאליטישע אקציאן. די אנארכיסטען האבען הייס בעקעמפפט יעדע פארמע פון פאליטישע אקציאן און אגיטירט בלויז פאר סטרייקס. דער קאמפף האט ענטוויקעלט הייס בלוט. מענשען זיינען זיך געווארען שונאים; האבען איינע די אנדערע פערדעכטיגט און בעשולדיגט אין קארופציאן און אונריינע מאטיווען. און דער לאגישער שלום דערפון איז געווען א פערביטערטער קלייזועלגייסט און פאנאטישע אינטאלעראנץ.

די לעכערליכקייט פון דער גאנצער מחלוקה האט זיך ארויסגעוויזען דערפון, וואס די ארבייטער מאסע אליין האט זיך אין די האזיגע

באארד פאר אלע מעמבערס, אפיסערס און אנדערע געלדער. ער האט קײנמאל ניט געזאגט, אז ער וויל ניט סעטלען. איך האב איהם אויפגעפאדערט אײניגע מאל צו סעטלען, אבער ער איז געװען ביזי אין באסטאן מיט דער דרעסקאנפערענץ אדער יוניאן און האט דאן ניט געקענט סעטלען.

מיט ברודער גרוס,

פיל. קאפלאוויטש, סעק.־טרעזש."

ברודער זינגמאן, דער דזשענ. סעקרעטער־טרעזשורער האט ערקלערט, אז אלע בילס פון דזשוירזי סיטי זײנען נאטיפיצירט געװארן אדער פון איהם אדער פון פרעזידענט שלעזינגער, און אין א בריעף פון ברודער קאוינסקי, דער נײער מענעדזשער פון דזשוירזי סיטי, צו װײס־פרעזידענט לעפקאוויטש, דער טשערמאן פון דער אונטערזוכונגס־קאמיטע, איז ערקלערט געװארן, אז בר. דוביגסקי האט איבערגעגעבען אלע געלדער און טשעקס און אז עס איז געגען איהם קײן קלאגע ניט פאראן. די קאמיטע האט דארום צוגעשטעלט פאלגענדען רעפארט:

„מיר, די קאמיטע, האבענדיג אונטערזוכט יעדע זאך, געפינען, אז בר. דוביגסקי, װעהרענד זײן פערוואלטונג פונ'ם דזשוירזי סיטי, האט געהאנדעלט װי א לאיאלער מעמבער פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן, און מיר געפינען אויך אז ער האט זיך אבגערעכענט און אבגעצאהלט אלעס װאס האט פון איהם געקומט צו דער צופריעדענהײט פון אלע צדדים.

ס. לעפקאוויטש, טשערמאן; אב. באראף, דזשױ. האלפערין,—מעמבערס פון דער קאמיטע".

װײס־פרעזידענטען באראף, אמדור, לעפקאוויטש און מעטץ װערען ערװעהלט צו אונטערזוכען די לאגע אין דעם װעסטסײד אין פילאדעלפיא, און לעפקאוויטש, מעטץ און האלפערין זאלען אונטערזוכען די סיטואציאן אין לאקאל 65.

בעשלאסען, צו געבען 100 דאלאר פאר דעם דער פענס־פאנד פון שמידט און קאפלאן אין לאס־אנדזשעלעס, קאל.

אין בעצוג צו דער רעזיגנאציאן פון ברודער זינגמאן אלס דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער (דער רעזיגנאציאנס־בריעף איז געװארן אבגעדרוקט אין דעם נאװעמבער נומער פון דיזען זשורנאל), בעריכטעט די קאמיטע פאלגענדעס:

„װאס אנבעטרעפט דער רעזיגנאציאן פון אונזער דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער, זײנען מיר געקומען צום שלוס דאס עס איז פאר ברודער זינגמאן פיזיש אונמעגליך לענגער צו פערבלײבען אין אמט. זײן געזונד איז אבגעשװאכט געװארן דורך זײן זיצען אין פריזאן און צוליעב דער אנשטרענגונג פון דעם לעצטען פראצעס. מיר רעקאמענדירען דארום דאס זײן רעזיגנאציאן זאל אנגענומען װערען.

ב. אמדור, אב. באראף, דזש. האלפערין".

נאך א לאנגע דיסקוסיאן װערט דער בעריכט אנגענומען און די בײ גאלקער מיטגליעדער פון באארד װערען בעפאלמעכטיגט צו נאמינירען קאנדידאטען פאר דיזען אמט און איבערגעבען עס צו דער אבשטימונג פון אלע מעמבערס פון באארד.

די ברידער באראף, פיערס און לעפקאוויטש װערען ערװעהלט אלס קאמיטע איבערצונעהמען די ביכער פון דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער. עס װערט בעשלאסען צו געבען דעם דזשענעראל סעק.־טרעזשורער, נאכדעם װי ער װעט פערטיג װערען מיט זײן רעפארט, א מאנאט װאקײשאן מיט געהאלט.

בעשלאסען אויסצופילען די װאקאנסיעס אין דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד דורך א באלאט, װאס די נײ יארק קאמיטע זאל גלײך ארויסשיקען.

די פאלגענדען זײנען נאמינירט געװארן: ב. פינקלער, ס. ניגמאן, ל. קאמאטא, ס. פאלאקאװ, דזש. װישניאק, איז. עפשטײן און עלמער ראזענבערג.

בעשלאסען צו האבען דעם נעכסטען מיטינג פון דזשענעראל עקז. באארד אין סט. לואיס, אנפאנג יאנואר 1916.

אכטונגספאל,

מאררים זינגמאן,

דזשענעראל סעק.־טרעזשורער.

## סעם זימאן

### עהרע זײן אנדענקען!

מיטװאך, דעם 24טען נאװעמבער, איז געשטארבען ברודער זימאן, א מיטקעמפפער אין אונזערע רײהען.

זימאן איז געװען אײנער פון די עלטסטע מיטגליעדער פון דער קלאוקמאכער יוניאן — א מעמבער פון לאקאל 1 — און איז אימטער געשטאנען אין די פאדערשטע רײהען. א[illegible]ט לאנג איז ער געװען דער טשערמאן פון לאקאל.

בר. זימאן האט גענומען א טהעטיגען אנטהײל אין דעם קלאוק־סטרײק פון 1910 און נאכ'ן סטרײק איז ער ערװעהלט געװארן אלס ביזנעס אײדזשענט. ער האט אנגעהאלטען דעם אמט ביז מיט א יאהר צוריק, װען ער איז זעהר קראנק געװארן. אלס ביזנעס אײדזשענט איז ער געװען אײנער פון די געטרײעסטע.

די לויה האט שטאטגעפונען דאנערשטאג, דעם 25טען נאװעמבער, און איז געװען אײנע פון די גרעסטע װאס א געװעהנליכער ארבײטער האט װען עס איז נעהאט. עס זײנען געגאנגען אין דער פראצעסיע איבער 4 טויזענד מענשען, צװישען זײ, דעלעגאטען פון דזשאינט באארד, מעמבערס פון עקזעקוטיװ באארדס און טויזענדער טהעטיגע מעמבערס פון אלע לאקאלס.

בר. זימאן איז געװען בלויז 45 יאהר אלט און האט איבערגעלאזען א פרוי מיט 6 קינדער. פאר די לעצטע 16 יאהר האט ער בעלאנגט צו דער יוניאן און געשטארבען א טרײער און ערגעבענער מעמבער.

## וואס איז די מניעה?

פאר מענשען וואס קוקען אויף דער זאך ניט דורך פארטיי־ברילען, זאנדערן פון דעם שטאנדפונקט פון אלגעמיינע ארבייטער אינטערעסען, איז די פאליטישע אונאייניגקייט אין די ארגאניזירטע ארבייטער רייהען זעהר אונפערשטענדליך. וואס האלט זיי־אב פון האנדלען מיט פעראייניגטע קרעפטען? וואס איז די מניעה?

מיט 20־30 יאהר צוריק האט מען די אבגעזונדערטקייט צווישען די־סאציאליסטען און די טרייד־יוניאנס וועניגסטענס געקענט ערקלעהרען. די מייסטע יוניאנס האבען אין גאנצען אויסגעשלאסען פאליטיק פון זייערע דיסקוסיאנען. זיי האבען בלויז געגלויבט אין עקאנאמישע אקציאן — אין סטרייקס, באיקאטס און דעמאנסטראציעס. פאליטיק, פונקט ווי רעליגיאן, האט מען בעטראכט אלס שעדליך פאר דער יוניאן. מען האט געגלויבט, אז אזוי גיך ווי די מיטגליעדער וועלען אנהויבען דיסקוטירען איבער פאליטישע און רעליגיעזע ענינים, וועט ענטשטעהן מיינונגס־פערשיעדענהייט און מחלוקת אין די יוניאן וועט פערנאכלעסיגען טרייד־פראגען און אבשוואכען די ארגאניזירטע רייהען. עס האט טאקע פאסירט דא און דארט, אז יוניאנס זיינען רואינירט געווארען צוליעב די קריעגערייען צווישען סאציאליסטען און אנארכיסטען.

אין די לעצטע יאהרען האט אבער איינגעטראטען א פאלשטענדיגע ענדערונג. פאליטישע דיסקוסיאנען אין די יוניאנס זיינען ניט מעהר פערבאטען; זיי בריינגען צו קיין מחלוקת, דערפאר וואס עס איז במעט נימא קיין פאליטישע מיינונגס־פערשיעדענהייט אדער אפאזיציאן. אין יוניאנס פון אידישע און אנדערע אויסלענדישע ארבייטער, שטיצט מען אפיציעל און במעט איינשטימיג די סאציאליסטישע פארטיי. אין די אמעריקאנער יוניאנס ווידער, שטיצט מען אפיציעל און איינשטימיג די געזעץ־פראיעקטען און מען שטימט פאר די קאנדידאטען, וועלכע ווערען רעקאמענדירט פון דער „לעדזשיסלייטיוו קאמיטע" פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. קיין צוואנג אויף איינצעלנע מענשען אדער אפילו אויף ארגאניזאציאנען איז נאטירליך נימא. טראצדעם אבער איז וואונדערבאר צו בעמערקען, דאס אפילו מענשען וואס זיינען פרינציפיעל בלויז פאר עקאנאמישע אקציאן, נעהמען אפט אנטהייל אין פאליטישע אקציאן און העלפען ערוועהלען געוויסע קאנדידאטען אין וועלכע דאס פאלק האט צוטרויען.

וואס איז נאך וויכטיגער, — די מיינונגס־פערשיעדענהייטען צווישען סאציאליסטען און טרייד־יוניאניסטען זיינען, דוכט זיך, גאר ניט אזוי בולט, אז מען זאל וועגען זיי דארפען פארלעמיזירען מיט היטץ און שנאה. דער סאציאליסטישער אידעאל דארף ביי קיינעם קיין שנאה ניט ערוועקען, סיידען ביי די וואס האבען פערזענליכע קריוורעס. אויב א געוויסע צאהל טרייד־יוניאניסטען זיינען ניט קיין איבערצייגטע סאציאליסטען, איז דאס גיכער דערפאר, וואס זיי האבען ניט געהאט די געלעגענהייט איבערצייגט צו ווערען, איידער דערפאר, וואס זיי זיינען איבערצייגטע אנטי־סאציאליסטען. עס איז גיכער דערפאר, וואס מען האט ניט בענוצט טאקטישע מיטלען זיי צו איבערצייגען. עס קען ניט זיין געגען דעם ארבייטער'ס אינטערעסען צו גלויבען און האפען, אז ער וועט אמאל ערלעזט ווערען פון דער איצטיגער לוין־שקלאפעריי. פערקעהרט, ער איז נאך א בעסערער און געטרייערער מעמבער פון זיין יוניאן ווען ער האט דיעזען גלויבען און האפנונג.

דאס גלייכען דארף דער עקאנאמישער קאמפף — דער טאג־טעגליכער קאמפף אין די יוניאנס פאר א גרעסער שטיקעל ברויט — ניט ערוועקען קיין שנאה ביי קיין סאציאליסט, סיידען ביי דעם וואס איז קיינמאל ניט געוועזען קיין ארבייטער און בעגרייפט ניט דעם ארבייטער'ס עקאנאמישע און גייסטיגע לאגע, אדער ביי דעם וואס בעגרייפט ניט די ווארהייט פון דעם אלטען ווערטעל: „אם אין קמח אין תורה". דאס הייסט, אז איידער דער ארבייטער איז מסוגל איבערצונעהמען סאציאליסטישע תורה, מוז מען איהם פריהער פערזארגען מיט טרייד־יוניאניסטישען קמח. דער סאציאליזם און די סאציאליסטישע פארטייען האבען מעהר געוואונען דערפון, וואס די ארגאניזירטע ארבייטער רייהען זיינען געווארען גרעסער און שטארקער; דערפון וואס די יוניאנס האבען אויסגעקעמפפט בעסערע שכירות און קירצערע שטונדען, איידער פון יאהרען־לאנגע שטורעמדיגע פראפאגאנדע.

ווען די פלאטפארמעס פון די אמאליגע ארבייטער ארגאניזאציאנען האבען געדונערט מיט שטארקע, ביטערע פראפאגאנדע, זיינען די יוניאנס און די סאציאליסטישע פארטייען געוועזען שוואך. די ברייטע טרייד־יוניאניסטישע אגי־

פראגען ניט בעטייליגט. זי האט זיך געמוטהליך צוגעקוקט פון זייטענס און זיך מייסטענס אמוזירט איבער דעם גלענצענדען ווערטער־קאמפף פון איהרע פיהרער און לעהרער. בלויז א קליינע צאהל האט זיך אנגעשלאסען אן דער אדער יענער פארטיי. אבער די גרויסע מאססע איז געבליבען גלייכגילטיג און ניט איבערציינגט. אפשר טאקע דערפאר, האט די בעוועגונג געליטען און איז געשטאנען אויף איין ארט יאהרען לאנג.

היינט איז אין די יוניאנס פערשוואונדען יעדער שפור פון דיעזער מיינונגס־פערשיעדענהייט. איהר קענט ניט געפינען אפילו אויף א רפואה א מענש וואס זאל דירעקט אגיטירען פאר אדער געגען אנארכיזם, אדער פאר אדער געגען פאליטישע אקציאן. דאס הייסט ניט, אז עס זיינען ניטא אין די יוניאנס קיין ערנסט־דיינקענדע אנארכיסטען. עס זיינען זיכער יא דא אזעלכע, אבער מען שטויסט זיך אן זיי זעלטען ווען אן. זייערע פילאזאפישע טעאריעס, האבען הפנים קיין שום שייכות ניט צו די לעבעדיגע פראבלעמען פון דער היינטיגער ארבייטער בעוועגונג. אין אנדערע ווערטער: זיי זיינען געקומען צום שכל, אז דער גאנצער געזעלשאפטליכער אמת ליגט זיכער ניט בלויז אין דעם אנארכיזם און אז עס איז פיעל וויכטיגער עפעס צו ערדייכען פאר די ארבייטער און פאר דער מענשהייט אט שוין היינט, איידער זיך צו ספארען איבער סברות און השערות.

לאמיר נעהמען נאך א ביישפיעל.

עס זיינען היינט פאראן אין דער סאציאליסטישער און ארבייטער בעוועגונג מעהר פראקציעס ווי אין יענע צייטען. די פועלי ציון, למשל, וועלכע זיינען גאנץ ערנסטע סאציאליסטען, דיינקען, אז זיי דארפען האבען א פארטיי פאר זיך; אז נור אלס א בעזונדערע פארטיי קענען זיי אויסדריקען דעם נאציאנאליסטישען שטאנדפונקט אויף וועלכען, נאך זייער מיינונג, די אידישע ארבייטער און סאציאליסטען דארפען שטעהן. דאך, שיינען זיי ניט צו זיין גאנץ זיכער, אויב דער גאנצער אמת מכח דער צוקונפט פון דער אידישער ארבייטערשאפט ליגט אין זייער טהעאריע. אין פראקטישען לעבען זיינען זיי בערייט צו אייניגען זיך מיט מענשען פון אנדערע פראקציעס, אום צו ערדייכען א געוויסען גוטען ציעל. זיי אונטערשטיצען און שטימען פאר סאציאליסטישע ארבייטער קאנדידאטען; זיי שטיצען און סימפאטיזירען מיט די יוניאנס, הגם די יוניאנס קענען ניט שטעהן אויף זייער שטאנדפונקט. זיי זיינען בערייט צו געהן האנד אין האנד פאר פאליטישע גלייכבערעכטיגונג פון אידישען פאלק.

און עס איז אויך פערשוואונדען, מעהר אדער וועניגער, די אפאזיציע צו פאליטישע אקציאן. די נויטווענדיגקייט פון דעם פאליטישען קאמפף ווערט איצט אנערקענט איבעראל. די גרעסטע ווי די קלענסטע יוניאנס בעטהייליגען זיך איצט אפיציעל אין די וואהלען און נעהמען א דירעקטען אנטהייל אין דעם קאמפף פאר און געגען געוויסע קאנדידאטען און פאר און געגען געוויסע געזעץ־פראיעקטען. מיינונגס־פערשיעדענהייט האט איצט אנגענומען א אנדער ווענדונג. עס איז בלויז די פראגע: צי דארפען די ארגאניזירטע ארבייטער אונטערשטיצען די אדער יענע פון די קאפיטאליסטישע פארטייען, וואס זאגט צו דורכצופיהרען רעפארמען צו נוצען די ארבייטער, אדער זיי דארפען זיין אין גאנצען אונאבהענגיג פון די קאפיטאליסטישע פאליטיקער און האבען זייער אייגענע פארטיי?

אז עס איז מעגליך און פראקטיש פאר די סאציאליסטען און ארגאניזירטע ארבייטער צו האבען אן אייגענע, אונאבהענגיגע פאליטישע פארטיי, קען איצט קיין צווייפעל ניט זיין. 2½ מיליאן ארגאניזירטע טרייד־יוניאניסטען און סאציאליסטען, ווען זיי האנדלען הארמאניש און פעראייניגט, וואלטען געקענט קאנטראלירען א פאליטישע פארטיי, וואס זאל קריגען ביי די וואהלען 5 מיליאן שטימען און האבען א שטארקע דעה אין קאנגרעס, סטייט־לעדזשיסלייטשור און שטאדט־רעגירונג. און פון דעם וואס עס קומט איצט פאר אין די אינערליכע ארגאניזאציאנען און פראקציעס פון דער ארבייטער בעוועגונג איז צו זעהן, אז דער אלטער פאנאטישער גייסט, דער גייסט פון צושפליטערונג, פערשווינדעט. די סאציאליסטישע פארטיי און אמעריקאן פעדערייש[אן] אף לייבאר קענען היינט, מיט א גאנץ ריינעם געוויסען, האנדלען הארמאניש און פעראייניגט אין א סך אנגעלעגענהייטען לטובה דעם גאנצען ארבייטער קלאס. און דאס וואלט בישלעכווייז געפיהרט צו א פעראייניגונג פון קרעפטען און צו א י י ן סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי.

# ניקי

פון
אלטער עפשטיין

(אויף א באל, וואס איז אין קאלאראדא געגעבען געווארען אין זיין עהרע, האט ראקעפעלער געטאנצט מיט די 'מיינערס' טעכטער.— פון די צייטונגען).

אז ניקי פלעגט זיך בעווייזען אין גאס, האט איהם דער עולם נאכגעקוקט מיט רחמנות'דיגע אויגען; מען האט זיך איינער מיט'ן אנדערען איבערגערעדט:

— ארעמער קינד.

— אזוי יונג און איז שוין אליין אויף דער גאנצער וועלט.

— גוט נאך, וואס ווילי דער קרומער, האט אויף איהם רחמנות געהאט.

— ווי אומעדיג ער איז; קענטיג, אז ער פערשטעהט וואס מיט איהם האט געטראפען.

— אמאל איז ער דאך געוועזען אזא פרעהליך אינגעל; איך געדענק איהם ווען ער פלעגט קומען צו מיין הערי'ן, זיי האבען דאך די שטיבעל איבערגעקעהרט.

און אז מען פלעגט איהם אנגעהמען פאר'ן ארעם און א פרעג טהאן:

— ניקי, פארוואס ביזטו אזוי אומעדיג און בלאס, פארוואס קומסטו נים צו די קינדער זיך שפיעלען?

האט ער אויפגעהויבען זיינע גרויסע, שווארצע, פער'חלום'טע אויגען, אנגעקוקט יענעם אזוי ווי ער וואלט זיך פון א טיעפען שלאף אויפגעכאפט. און ווייס נים וואס מען וויל דא פון איהם.

— ער איז קענטיג פון זינען אראב — האט עמיצער געוויזען מיט א פינגער צום שטערען.

— עפעס א קליינינקייט אזא אומגליק. נים איהם, א גרעסערען וואלט עס צוברעכען.

* * *

אנגעהויבען האט זיך דער גאנצער אומגליק, געדיינקט ניקי פון דעם, וואס דער פאפא האט צו איהם געזאגט איין מאל א פריה־מארגען:

— ניקי, היינט זיץ אין שטוב, זאלסט אין ערגעץ נים געהן.

— נעהם מיר אויך, פאפא, — האט ער זיך געבעטען מיט א וויינענדיגען קול.

— מ'טאר נים, ניקי — האט דער פאטער ווייך געזאגט און איהם א קוש געטהאן אין שטערען.

ווען דער פאפא איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט שוועל, האט די מאמע גענומען שרייען:

— טשארל, געה נים, איך בעט דיך, געה נים. אויף וועמען לאזטו אונז איבער?

— שרעק זיך נים, מיין פריינד, איך פערזיכער דיך, אז עס וועט גארנישט פאסירען. מיר וועלען זיי בעטען מיט גוטען פערלאזען די ארבייט; מיר'ן זיי קיין בייז נים טהאן. — דער פנים איז איהם געוועזען בלייך און די ליפען האבען געציטערט.

די מאמע האט זיך מיט א יאמער געווארפען אויפ'ן בעט, זיך געריסען די האר פון קאפ.

שפעטער האט זיך א קנאלען פון ביקסען דערהערט. די מאמע איז מיט א געשריי פון שטוב ארויסגעלאפען. ער, ניקי, מיט די צוויי שוועסטערלאך האבען זיך אין א ווינקעלע פערדרוקט, געוויינט און געציטערט פאר שרעק.

אז עס איז טונקעל געווארען, זיינען אפולע פרעמדע מענשען אין הויז געקומען און דעם פאפא אויפ'ן טיש אוועקגעלעגט.

די מאמע איז געקומען; די האהר זיינען איהר געוועזען צולאזט, דער פנים ווילד פערקרימט. זי האט מיט די פויסטען עמיצען געטראשעט; זי האט געשריען און געשאלטען. ניקי און די שוועסטערלאך האבען זיך נאך מעהר געשראקען. נור קיינער האט זיך אויף זיי נים ארומגעקוקט; אלע זיינען געשטאנען מיט אראבגעלאזטע קעפ ארום דעם לאנגען, פערגליווערטען קערפער פון פאפא.

און דאס קנאלען האט נים אויפגעהערט. עס האט זיך אלץ געטראגען און געטראגען שטארקער, הילכיגער. און ווען עס איז נאכט געווארען, האט זיך פלוצים א פלאם בעוויזען. ער האט זיך אויפגעהויבען, זיך גענומען דרעהען, קייקלען און ווארפען לאנגע צינגער. דער

טאַציע און די ענטװיקלונג פון גרויסע, מעכטיגע יוניאָנס האָבען אויך פערשטאַרקט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען.

װען מען קוקט אַריין אַביסעל טיעפער אין דער זאַך, זעהט מען, אַז ביידע פליגלען פון דער אַרבייטער בעװעגונג זיינען פאַר איהר העכסט נויטיג. אנדערש קען זי ניט בעװעגען זיך און קומען צו איהר ציעל. די סאָציאַליסטען זיינען די טרייב־קרעפטען, די פאָהנען־טרעגער, די װעג־װייזער. די טרייד־יוניאָניסטען זיינען די אַרמעען, װאָס פיהרען דעם קאַמפף און מאַכען ביסלעכװייז אַלע נייע ערָאָבערונגען. זיי זיינען װי צװיי שותפים צו איין געשעפט, און ביידע מוזען אַרבייטען דאַפיר, אַז דאָס געשעפט זאָל װאַקסען און בליהען.

מיר פרעגען נאָך אַ מאָל: װאָס איז די מניעה? װאָרום קענען זיי זיך ניט דערנעהענטערען? בעװייזען דען ניט די לעצטע װאַהלען, אַז דאָס איז מעגליך און פּראַקטיש? דער פאַקט, דאָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן אין ניו יאָרק האָבען געהאַנדעלט איינינג אין דער פראַגע פון דער אַמענדירטער קאָנסטיטושאָן און פרויען שטימרעכט בעװייזט, אַז אפילו װען מען שטימט ניט איין אין געװיסע זאַכען בנוגע דער צוקונפט, קען מען זיך אָבער איינינגען אין אַ סך זאַכען װאָס האָבען אַ שייכות צום היינט און מאָרגען.

װאָס איז די מניעה?

די מניעה איז די ביטערע פּאָלעמיק, װאָס װערט אָנגעפיהרט פון מאַנכע מענשען, װאָס מיינען, אַז זיי האָבען דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען אמת.

די מניעה איז אין די פּערזענליכע אַטאַקעס װאָס קומען פאָר אין דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער בעװעגונג מעהר װי אין אירגענד אַנאַנדער בעװעגונג.

די מניעה איז אין דער װאַנט, װאָס דאָגמאַטישע, ענג־הערציגע ענטוזיאַסטען האָבען אויפגעשטעלט צװישען מענשען װאָס דענקען פערשידען אין געזעלשאַפטליכע פראַגען.

„װער עס איז ניט פאַר אונז, איז געגען אונז", איז אַ קאַמפּפס־פראַזע װאָס איז בעשאַפען געװאָרען אין גאַנץ אַלטע, פאַנאַטישע צייטען. היינט איז לייכט צו פערשטעהן, אַז די פראַזע איז פאַלש. מען קען אַמאָל ניט זיין פאַר אַ געװיסע אידעע, װייל מען איז ניט איבערצייגט אין איהר. דאָס איז אָבער קיין ראיה ניט, אַז מען איז אַ געגנער. קוים אָבער ערקלעהרט איהר די ניט־איבערצייגטע פאַר געגנער, מאַכט איהר זיי שוין דערמיט אַליין פאַר ענטשיעדענע געגנער. װייל אין דער דערמאָהנטער פראַזע ליגט אייגענטליך אינטאָלעראַנץ און צװאַנג, און אינטאָלעראַנץ און צװאַנג — בעשאַפען װידערשטאַנד.

די מניעה קען אָבער בעזייטיגט װערען, װען מען זאָל האַלטען אין זינן, אַז ביטערע פּאָלעמיק און פּערזענליכע אַטאַקעס און צװאַנג און אונטאָלעראַנץ און ענג־הערציגקייט און שנאה'זם — קענען קיינעם ניט איבערצייגען. זיי פערשאַרפען בלויז דעם גייסט פון געגנערשאַפט.

װאָס מיר נויטיגען זיך אין דער אַרבייטערבעװעגונג איז — אויפקלעהרונג. אָבער ניט מיט די דערמאָהנטע מיטלען קען מען אויפקלעהרען. גליקליכערװייזע צייגען זיך סמנים, אַז די פיהרער און לעהרער הויבען אָן פערשטעהן אָט די ראָזיגע װאָרהייט. א י י ן קאָנפערענץ, װאו מענשען זאָלען זיך דורכריידען געלאַסען, פריינדליך, װי אַ מענש מיט אַ מענש, קען ברייגגען צו פיעל בעסערע רעזולטאַטען פון פעראייניגונג און סאָלידאַריטעט, װי הונדערט שטורמישע פערזאַמלונגען און היציגע דעבאַטען.

אום זיך צו דערנעהענטערען אין פאַקט, מוז מען זיך פריהער דערנעהענטערען אין גייסט.

הויבען די מענשען אן צו שרייען און צו וויינען, עס הויבט זיך אויף א פייער און מ'שטארבט אין שרעקליכע יסורים.

אבער ער האט געהאט גרויס חשק „איהם" צו זעהן". „איהם", וואס האט געקאנט אוועקהרג'ענען דעם פאפא, די מאמע און די שוועסטערלאך, און ניט נור זיי אליין. ער געדיינקט דאך, ווי אויף מארגען זיינען געלעגען גאנצע שורות מיט פארדרויבערטע פנים'ער און מיט אפענע, גלעזערנע אויגען, וואס האבען געקוקט ווייט ערגעץ אין די הימלען אריין.

אפט, ווען ער פערמאכט די אויגען, זעהט ער פאר זיך א פייערדיגען קנויל, וואס דרעהט זיך מיט שרעקליכער געשווינדקייט, און פון אינווענייג, פון קנויל, דערטראגט זיך א געשריי, א יאמער פון פאפאס, מאמעס און קינדער, און „ער" שטעהט פון וויטען, די הענד פערליינט אויפ'ן הארצען, די גרויסע בלוטיגע אויגען גלאנצען, שיינען פאר נחת, און די לאנגע, שפיציגע צייהנער הענגען ארויס פון דער אפענער מויל. אט דער בילד קומט צו איהם אפטער און אפטער. עס פייניגט איהם, שרעקט איהם, און מאכט ער זאל זיך קניימשען, דרעהען און ווארפען זיך אין קאנוואולסיעס.

אבער זיכער איז ניקי, אז מען וועט „איהם" דערזעהן, ווען די אלע וועמען „ער" האט אזוי פיעל שלעכטס געטהאן זאלען „איהם" פלוצים דערזעהן, וועלען זיי איהם כאפען, בינדען און צורייסען אויף שטיקער. זיי וועלען זיין לייב שטעכען מיט שארפע שפיזען, זיי וועלען איהם אין פייער אריינווארפען און עס וועט פון איהם קיין זכר ניט בלייבען. און נאכדעם וועט זיין גוט. די פנים'ער וועלען זיך ביי אלעמען אויסלייטערן, זיי וועלען ווערען פרעהליך און לוסטיג. און אז עס וועט קומען אזא צייט, אין דעם איז ניקי זיכער, ווארום ער געדענקט דאך ווי יענער אין דער הויף האט געשריען הויך און קלינגענד: „עס וועט קומען די צייט, די גליקליכע צייט". אלע האבען געפאטשט בראווא און געשריען „הורא", פנים'ער האבען געשיינט, די אויגען געלויכטען. נור ביז יענער צייט וועט ער שווייגען, מיט קיינעם ניט ריידען, גאר נישט דערצעהלען. ער וועט שווייגען און ווארטען.

אפטמאל לויפט דורך ניקי דעם מארק. ער קוקט זיך ארום אין אלע זייטען, זוכט אויף די פנים'ער א שטראהל פון האפנונג, פון פרייד. אבער ער געפינט עס ניט, באמערקט עס ניט און לויפט צוריק בעהאלטען זיך ווייט, ווייט אזוי, אז קיינער זאל איהם ניט זעהען, ניט באמערקען.

* * *

נור איין מאל האט ניקי באמערקט, אז אין שטעדטיל טומלט זיך עפעס, אז מען גרייט זיך אויף וואס ניט איז, מען שושקעט זיך און מען לאכט צופריעדען. ער האט דערפיהלט, אז די הארץ קלאפט אין איהם שטארק. א ווילדע פרייד איז איהם בעפאלען. קאן דאס זיין, אז „ער" קומט, אז מען וועט „איהם" כאפען? ער האט זיך צוגערוקט צו א רעדעל מענשען, וואס איז געשטאנען פערטיעפט און געשמועסט:

— געהט איהר בעשטימט היינט צום באל?

— איך געה. די ווייב און די טעכטער לאזען מיר ניט צורוה. איך האב זיי געמוזט איינקויפען נייע קליידער.

— וועט „ער" בעשטימט קומען?

— געוויס. מוזיקאנטען זיינען שוין אפילו באשטעלט.

— איהר ווייסט, עס גלויבט זיך מיר ניט. ווי פאסט עס „איהם", אזא רייכען, קומען צו אונזערען א באל?

— אט האט ער דאך מיט אונזעריגע נעכטען געגעסען מיטאג אויך און האט זיך אראבגעלאזט אין א מיין.

— טאקע א וואונדער.

ניקי איז אוועק מיט אן אראבגעלאזטען קאפ, שטארק פערטיעפט אין געדאנקען. הייסט דאס, אז „ער" איז אזא וואס קען עסען מיטאג און געהן צו א באל, און קיינער שרעקט זיך נאך פאר איהם ניט. אפשר איז דאס ניט „ער". ווארום ווי קאן דאס זיין ער זאל זיך חבר'ן מיט די, וועמען ער האט אזוי פיעל שלעכטס געטהאן? אבער ער האט דאך פארט געהערט זיין נאמען, ריכטיג געהערט... נור פלוצלינג האט ער דערשפירט א שטארקע פרייד. איצט פערשטעהט ער שוין: זיי וועלען איהם פערנארען צו א באל, דאט וועלען זיי איהם פאקען, זיך ארויפווארפען און מאכען פון איהם א מוס; ווארום פארוואס דען זיינען זיי אזוי צופריעדען און שמייכלען אזוי גליקליך? פארזיכטיג, קיינער זאל ניט זעהן, האט ער אויפגעהויבען א שטיין מיט א שארפען שפיץ און בעהאלטען עס אין קעשענע. ווארום ווען זיי וועלען איהם כאפען, אנידערווארפען און בינדען, וועט ער,

שווארצער הימעל איז רויט געווארען ווי א אנגעגליהטער אייזען.

ער האט שרעקליך גערוישט און געשיפעט, דער פייער, און א געשריי, א יללה האט זיך אין דער נאכט־לופט געטראגען און געמאכט שוידערען דאס לייב; נור העכער פאר אלץ האט זיך דאס קנאלען געהערט.

און די פרעמדע זיינען אלץ געשטאנען מיט אראבגעלאזטע קעפ ארום פאפא, שטומע, שטילע, ביז דער שטיקענדער רויך האט זיך מיט אימפעט אין הויז אריינגעריסען. און אז מען איז צום טהיר געלאפען, האבען די שפיצען פון ביקסען באגעגנט.

— מערדער, לאזט כאטש די קינדער לעבען! וואס האט איהר צו די קינדער? — האט די מאמע געשריען מיט אלע קרעפטען. נור קיינער האט איהר ניט געהערט. דאס זשומען פון פייער און דאס קנאלען פון די ביקסען האבען איהר שטימע פארשטיקט.

און ער געדענקט, ניקי, ווי פלוצלינג האט איהם אנגענומען א מעכטיגע האנד, אויפגעהויבען אין דער לופטען, און דורך דער אפענער טהיר איהם אין פנים פון פייער אריינגעשמיסען.

* * *

אייגענטליך וויל ניקי ווער עס איז שולדיג, וואס ער איז פערבליבען א קיילעכדיגער יתום, ווער עס האט דערשאסען דעם פאפא און פערברענט די מאמע און די שוועסטערלעך. ער געדיינקט, ווי ער מיט'ן פאפא זיינען געווען אויף א מיטינג. זיי זיינען געשטאנען צווישען פיעלע אזעלכע שווארצע, פער'חושכ'טע מיינערס ווי דער פאפא. עמיצער, א הויכער, אויך א שווארצער, מיט אן אפענער האלז, האט גערעדט. זיין קול האט געקלונגען ווי א גלאק, און דער שווארצער פנים, די ווייס־געעפענטע אויגען האבען געלויכטען, געפינקעלט ווי די זון. וואס ער האט געזאגט, האט ניקי ניט פערשטאנען. אבער איין זאך האט ער געוואוסט, אז ערגעץ וואו איז דא א שלעכטער, א שטארקער, א בייזער, מיט א ווילדען פנים און אז יענער איז דאס שולדיג אין אלע צרות; צוליעב איהם וויינט די מאמע, אז אין הויז איז קיין סענט ניטא, אז אין קראם וויל מען ניט בארגען, און אז די קליידער זיינען צוריסען; און אויך האט געוואוסט, ניקי, אז דאס וואס די קליינע שוועסטערל איז קראנק, וואס זי הוסט און ליגט אלע ווייטע אין היץ און מען קאן קיין דאקטאר ניט רופען. איז אלץ שולדיג יענער בייזער, שלעכטער וועגען וועמען אט דער, וואס שטעהט אין דער הויך איבער אלעמענ'ס קעפ, רעדט מיט אזוי פיעל כעס, מיט אזוי פיעל פייער. און געוועהן האט ניקי, אז ניט נור ער, אלע, די גאנצע מחנה מיט די שווארצע, פערפינסטערטע געזיכטער, מיט די אפענע, פאנאנדערגעשפילעטע הערצער, האבען אויך אזוי פיינט יענעם וויסטען, שרעקליכען פיינד.

אין דער פריה, ווען ניקי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און ער פלעגט זיך קייקלען אין זיין ווארימער בעטעל, האט ער זיך געקריגט מיט „איהם”.

— דו ביזט א שלעכטער, איך האב דיך פיינט. אז איך וועל ווערען א גרויסער, וועל איך נעהמען דעם פאפא'ס ביקס און מאכען: „פאף!”

— ניקי, וועמען שיסטו דאס? — פרעגט די מאמע לאכענדיג.

— „איהם”. איך וועל איהם אט אזוי א כאפ טהאן און ווארפען צו דער ערד. אט אזוי א.

— וואס ווארפסטו דעם קישען? וואס פאר א בייז האט דיר דער קישען געטהאן. וואס דו ווארפסט איהם אויף דער ערד? — איהר קול איז געווען אנגעפילט מיט געלעכטער, די בלאהע אויגען האבען געשיינט, זי האט איהם אויף די הענד געכאפט און צו דער ווארעמער ברוסט איהם צוגעדריקט.

* * *

נור דאס אלץ געדענקט ניקי ווי דורכ'ן חלום. אבער די געשטאלט פון יענעם בייזען, גרויזאמען אונבעקאנטען, איז קלאהרער, דייטליכער געווארען; עס איז אויסגעוואקסען ריעזיג הויך, און ווי טאג אזוי נאכט, איז עס געשטאנען אנטקעגען איהם און געקוקט מיט רויטע, בלוט־פערלאפענע אויגען. עס איז פון איהם אויף קיין מינוט ניט אבגעטראטען.

און געוואוסט האט איצט ניקי, אז ער וועט יענעם גאר נישט קענען טהאן, ווייל ער איז זעהר שטארק: אז ער וויל, בעהויכט ער די גאנצע וועלט מיט פייער; באשיט ער מיט א האגעל פון קוילען; מאכט ער חרוב אלע הייזער, און טהאן קען מען איהם גאר נישט.

אפטמאל האט זיך איהם געדאכט, אז דאס איז גאר ניט קיין מענש, נור א גרויסע, שווארצע פויגעל, מיט ברייטע פליגלען, וואס טראגט זיך ארום אויף דער וועלט, און וואו דאס קומט,

— שוויג, שוויג, מיין קינד, מ׳קאָן נאָך דערהערען — האָט דער אָנקעל אַרויסגערעדט שטיל און גענומען ציטערען.

ער איז צוריק אוועק אין זיין ווינקעל און זיך גענומען אויפמערקזאם צוקוקען צום טאַנצענדען עולם. א פרייד איז געווען אויסגעגאָסען אויף אַלעמענס פּנים׳ער. מען האָט צופריעדען געשמייכעלט, געלאַכט און לייכט זיך געטראָגען איבער דעם העל־באַלויכטענעם זאַל. און אויך „ער" האָט געטאַנצט, זיך געדרעהט לייכט און פלינק, און אַלץ ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

און ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, ניקי, פאַרוואָס עס דויערט אַזוי לאַנג. פאַרוואָס מען כאַפּט „איהם" ניט אַן פאַר די הענד, און מען לייגט איהם ניט אוועק אויפ׳ן פלאָר, און פאַרוואָס קוקען זיי אַלע אַזוי פריינדליך אויף איהם. פאַרוואָס שמייכלען זיי אַזוי זיס, חניפה׳דיג, אַט זיי, די וואָס האָבען דאָן אַזוי הויך געשריען, געיאָמערט, ווען מען האָט זיין נאָמען דערמאָהנט; ווען יענער, אין דער הויך, האָט אַזוי הויך, אַזוי מעכטיג געשריען.

מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען, מיט ציטערענדע ליפּען און מיט דעם שטיין אין דער פערקרעמפּטער האַנד, איז ער געשטאַנען, דער יונגער ניקי, און אַלץ געוואַרט, אַז דער געדיכטער עולם זאָל מיט אַמאָל אויפברויזען און זיך אַרויפוואַרפען אויף דעם, וואָס האָט ביי איהם דעם פּאַפּאַ, די מאַמאַ און די שוועסטערלאַך אוועקגערויבט.

# די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס אין 1915

**ווי אַזוי זיי ציינען זיך אַרויס ביי דער קאָנווענשאָן אין סען־פראַנציסקאָ. — וואָרום איינינע גרויסע יוניאָנס האָבען היי־יאָהר פערלאָרען מיטגליעדער. — לאַנגזאַמער אָבער זיכערער פּראָגרעס.—עס פאָדערט זיך פיעל אויפקלעהרונגס־אַרבייט.**

פון א. ר.

לויט דעם רעפּאָרט וואָס דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר האָט פאָרגעלעגט פאַר דער קאָנווענשאָן, וואָס איז דעם מאָנאַט אָבגעהאַלטען געוואָרען אין סען־פראַנציסקאָ, איז די צאָהל פון מעמבערס לעצטען יאָהר פערקלענערט געוואָרען מיט אַן ערך 74 טויזענד. אין 1914 איז דער מספּר געווען 2 מיליאָן מיט 20 טויזענד. היינטיגעס יאָהר פעהלט צו די 2 מיליאָן מעמבערס אַן ערך 54 טויזענד.

עס איז כדאי זיך אָבצושטעלען אויף דיעזע ציפערן און זיי אַנאַליזירען. א פערלוסט אין דער צאָהל פון מיטגליעדער הייסט, אַז וועניגער מעמבערס האָבען געצאָהלט דיוס אין זייערע יוניאָנס. מיר קענען זיך אָבער טרייסטען מיט דעם פאַקט, אַז דער פערלוסט איז זעהר קליין ווען מען נעהמט אין בעטראַכט דעם שרעקליכען קריזיס וואָס האָט געהערשט אין לאַנד, מייסטענס צוליעב דער מלחמה אין אייראָפּאַ. לעצטער יאָהר איז געווען איינער פון די ערגסטע פאַר די אַמעריקאַנער אַרבייטער. מיר ווייסען עס פון דעם טרויעריגען צושטאַנד וואָס האָט געהערשט אין אונזערע אייגענע הויפּט אינדוסטריען—די קלאָוק־אינדוסטרי און די ווייסט און דרעס אינדוסטרי. עהנליכע אַרבייטסלאָזיגקייט האָט זיך שטאַרק געפיהלט אין אַלע אינדוסטריען. פונדעסטוועגען האָבען די יוניאָנס ניט געליטען. ווי מיר וועלען באַלד זעהן קומט דער פערלוסט פון 74 טויזענד מעמבערס טהיילוויז פון פערשיעדענע אַנדערע אורזאַכען.

וואָס־זשע האָבען אונז דיעזע ציפערן צו דערצעהלען?

מיר וועלען נעהמען איינינע גרויסע יוניאָנס פאַר א ביישפּיעל; ווייל ביי זיי זעהט זיך דיעזער פערלוסט אַן מעהר איידער ביי די קלענערע יוניאָנס. די יוניאָנס וואָס האָבען פערלאָרען די מייסטע מעמבערס, זיינען די פאָלגענדע:

| | |
|---|---|
| יונייטעד מיין וואָירקערס | 22.000 |
| וועסטערן פעדערײשאַן אָף מיינערס | 20.000 |
| קאַרפּענטערס ענד דזשאָינערס | 17.000 |
| יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס | 18.000 |

חוץ דעם האָבען אַנדערע יוניאָנס, גרעסערע און קלענערע, פערלאָרען צו עטליכע טויזענד

ניקי, איהם קלאַפּען מיט'ן שטיין איבערן קאָפּ. קלאַפּען מיט אַלע קרעפטען און שרייען:

נאַ! פאַרוואָס דו האָסט גע'הרג'עט דעם פּאָפּאָ און די מאַמע און די שוועסטערלאַך! נאַ, דו שלעכטער טייוועל!

ביז אין אָבענד האָט זיך ניקי ניט געוואוסט וואו אַהינצוטהאָן. יעדע מינוט האָט זיך איהם געדאַכט, שלעפט זיך לאַנג, אָהן א ברעג. ער האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגערולד אויף דעם באַל, וואָרום ער איז זיכער געווען, אַז היינט וועט עס פּאַסירען; און מאָרגען, אַז די זון וועט אויפגעהן, וועט זיין פרעהלאַך און גוט אָהן א ברעג.

* * *

אין ווינקעלע, ווייט פערדוקט, איז ניקי געשטאַנען און מיט די שוואַרצע, פער'חלום'טע, ווייט־געעפענטע אויגען געקוקט אין דעם העל בעלויכטענעם זאַל. דאָ זיינען געווען פערזאַמעלט די גאַנצע שטעדטעל: די מענער, פרויען און זייערע קינדער. ביי אַלעמען האָבען די פּנים'ער געשיינט פאַר נחת. די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פרעהליכע קולות. מיט אונגעדולד האָט מען אַלע ווייל'ע געוואָרפען א בליק אויף דער ברייטער, פאַראַדנער טהיר, אויפ'ן וואַנד־זייגער. יעדער האָט מורא געהאַט, אַז „ער" זאָל גאָר חרטה האָבען און ניט קומען צום באַל. — „אָבער פאַרוואָס פרעהען זיי זיך אַזוי, פאַרוואָס זיינען זיי גאָר ניט דערשראָקען?" — האָט ניקי געטראַכט מיט וואונדער. „ער" איז דאָך אַזאַ שטאַרקער. „ער" קאָן דאָך זיי בייקומען. „ער" קאָן א שפּיי טהאָן מיט פייער און עס זאָל זיך נעהמען דרעהען א קוילעבדיגער קנויל און די אַלע זאָלען זיך נעהמען דרעהען אין די גרעסטע יסורים; זיי זאָלען נעהמען יאָמערען און שרייען. פאַרוואָס האָבען זיי גאָר קיין מורא ניט, פאַרוואָס לאַכען זיי אַזוי צופריעדען?

נור פּלוצלינג איז שטיל געוואָרען, טויט־שטיל. אַלע זיינען אַזוי ווי פערגליווערטע געוואָרען און געקוקט צו דער אָפענער טהיר אין וועלכע עס האָט זיך בעוויזען א הויכער מענש, מיט א צילינדער, מיט ווייסע, בליסצענדע האַנדשו. ביי ניקי'ן איז א פראָסט דורכגעלאָפען דורך'ן לייב. ער האָט דערפיהלט ווי די קנעכלאַך ציטערען, טרייסלען זיך איהם. און כדי ניט צו פאַלען, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דער וואַנד. אָבער די ווייט־געעפענטע אויגען האָט ער אַלץ געהאַלטען אָנגעשטעלט אויף יענעם, אין דעם הויכען צילינדער, מיט דעם צופריעדענעם, שמייכלענדען פּנים, מיט די קליינינקע, שיינענדע אייגעלאַך. וואָס האָט זיך העפליך געניינט אין אַלע זייטען.

באַלד האָט מען פון איהם אַראָבגעכאַפּט דעם אויבער־ראָק, צוגענומען דעם צילינדער, און ער איז געבליבען שטעהן מיט די גלאַנציגע שוואַרצע האָאָר, מיט'ן צופריעדענעם פּנים אין מיטען פון א הויז מענשען, וואָס האָבען זיך צו איהם א לאָז געטהאָן פון אַלע זייטען. ניקי האָט אַזש פאַר גרויס אויפרעגונג די אויגען פערמאַכט. אָט, אָט, כאַפּען זיי איהם און עס וועט זיך אָנהויבען... אינכטינקטיוו האָט ער דעם שפּיציגען שטיין פון קעשענע אַרויסגענומען.

נור פּלוצלינג האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבען צו שפּיעלען, הויך, שרייענדיג, און דער עולם האָט זיך צושאָטען אין אַלע זייטען.

ניקי האָט פערשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין. שפּעטער וועלען זיי „איהם" א נעהם טהאָן. נור געוואונדערט האָט איהם, וואָס „ער" איז גאָר אַזאַ שעהנער, א גוטער, א שמייכלענדער. ער האָט „איהם" דאָך גאַנץ דייטליך געזעהן אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, דייטליך געזעהן: א דיקער, א גראָבער, מיט א רויטען פּנים און רויטע, מיט בלוט פערלאָפענע אויגען. איהם איז איינגעפאַלען, אַז עס איז גאָר ניט „ער" און ער האָט באַשלאָסען באַלד זיך דערוויסען, די מינוט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אין א ווינקעל דעם אָנקעל וויללי. ער איז האַסטיג צו איהם צוגעגאַנגען:

— אָנקעל, ווער איז ער?

— ניקי, קינד מיינער, איך האָב דיר דאָך א גאַנצען טאָג אַרומגעזוכט. ביזט דאָך געווים הונגעריג.

— ניין, אָנקעל, איך בין ניט הונגעריג. אָבער זאָג ווער איז ער, אָט דער וואָס איז אַריינגעקומען מיט'ן צילינדער.

— דאָס איז „ער". אָבער פאַרוואָס ציטערסטו אַזוי?

— אָנקעל, „ער" ווייזט דאָך אויס א גוטער.

— יע, מען זאָגט, אַז „ער" איז ניט קיין שלעכטער. ער זאָגט אַז ער איז אַהער געקומען כדי אונז גוטעס צו טהאָן.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער גע'הרג'עט דעם פּאָפּאָ און די מאַמע מיט די שוועסטערלאַך. ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט טהאָן?

דאס איז דערפאר ווייל זיי שטעלען מיט זיך פאר מעהר איינינקייט צווישען די סאציאליסטישע און טרייד יוניאניסטישע עלעמענטען. פאר־יאהרען, האט רינגס, דער דעלעגאט פון קענערע, בעגייסטערט די קאנווענשאן אין פילאדעלפיא מיט א גלענצענדע רעדע, וואס איז געווען פול מיט סאציאליסטישע געדאנקען. דער פאקט דאס די דעלעגאטען האבען די רעדע שטארק אפלאדירט, בעווייזט, אז דאס ארבייטער־הארץ איז געזונד און אז די ארבייטער בעוועגונג אין אמעריקא פראגרעסירט לאנגזאם אבער מיט זיכערע שריט. ביי דער היינטיגער קאנווענשאן האבען די דעלעגאטען פון ענגלאנד געמאכט אויף דער קאנווענשאן אן עהנליכע ווירקונג. (די רעדע פון דעלעגאט אממאן ערשיינט אין דיעזען נומער). עס וועט קומען די ריכטיגע צייט ווען די ארבייטערשאפט וועט זיך א שוואונג טהאן צום סאציאליזם. עס איז אבער נאר ניט קיין גוטע טאקטיק ארויפצוצווינגען אויף די קאנווענשאנס מיינונגען מיט וועלכע די מייסטע דעלעגאטען זיינען ניט דורכגעדרונגען.

עס איז ווינשענסווערטה, אז פראגרעס זאל געמאכט ווערען. אבער וואו דארף מען אנהויבען ארבייטען פאר דעם דאזיגען פראגרעס? נאטירליך — אין די לאקאלע יוניאנס. ניט אמת? אויב די לאקאל יוניאנס, און צוליעב זיי די אינטערנעשאנאל יוניאנס, זיינען ניט פראגרעסיוו אדער קלאסען־בעוואוסט אדער קאמפפס־לוסטיג גענוג — קען מען ערווארטען, אז זייערע דעלעגאטען ביים קאנווענשאן וועלען דאס זיין?

אין רוסלאנד, וואו די בעוועגונג איז געווען אן אונטערערדישע און געפיהרט געווארען גאנץ בסוד, האט זיך געפאדערט, אז זי זאל געלייטעט ווערען דורכאויס פון אויבען — דורכאויס פון די פיהרער. די פיהרער האבען אימער געשטעלט דעם טאן און דאס פאלק האט געפאלגט. אין אמעריקא הערשט אבער דאס פאלק. און דאס פאלק לאזט זיך פיהרען נור דאן, ווען עס שטימט איין געפיהרט צו ווערען. עס האט דא אפט פאסירט, אז פיהרער האבען געשטעלט דעם טאן און דאס פאלק האט ניט געוואלט הערען. א פרייע מדינה. יעדער האט א דעה, אפילו ניט געפיהרט צו ווערען.

וואס־זשע דארף מען טהאן? אויסוועצען נעגען די פיהרער ווארום זיי שטעלען ניט קיין פראגרעסיווען טאן? ניין, ניט דאס. ניכער— אויפקלעהרען די ארבייטער. פריהער מאכען זיי בעוואוסטזיניג; ארייננדרינגען טאקטיש מיט א פראגרעסיווען גייסט אין די לאקאל יוניאנס, א שטייגער ווי קיער הארדי און זיינע קאלעגען האבען געטהאן אין ענגלאנד. ערשט דאן וועלען זיך בעווייזען יענע ענדערונגען און עס וועלען נעהמען בלאזען יענע פרישע ווינטען וועלכע מיר ווינשען אזוי פיעל.

דער ריכטיגער וויזער אויף דעם ציפערבלאט פון פראגרעס אין די טרייד־יוניאנס איז —די מאטעריעלע געווינען פון די ארבייטער. די דאזיגע געווינסטען צייגען, אז זייער מאכט איז ניט אבגעשוואכט געווארען, טראצדעם וואס זיי האבען געפיהרט שטארקע עקאנאמישע קעמפפע מיט די בעלי בתים. שוין די קעמפפע אליין, און די אונגעהויערע סומען וואס די סטרייקס האבען אבגעקאסט, בעווייזען, אז די ארגאניזירטע ארבייטער ארמעען האלטען זייערע פאזיציעס אייזען שטייף און פערנעהמען יעדען יאהר פרישע פאזיציעס. פון די 110 אינטערנעשאנעל יוניאנס האבען 102 אריינגעשיקט געגויע בעריכטען. פון די בעריכטען דערגעהען מיר, אז 44 אינטערנעשאנעלס האבען אויסגעקעמפפט געווינסטען אין שכירות און קירצערע שטונדען; 42 אינטערנעשאנעלס האבען מיט ערפאלג בעקעמפפט אן אנגריף פון די באסעס צו רעדוצירען שכירות און בלויז 16 אינטערנעשאנעלס האבען געליטען קליינע נידערלאגעס. פאר אזא קריזיס־יאהר ווי גער לעצטער, הייסט דאס פראגרעס. דיעזער אונגעהויערער קאמפף האט אבגעקאסט קארגע 3½ מיליאן דאלאר. די ליסטע צייגט אבער, אז מעהרערע פון די יוניאנס האבען זייערע סטרייק־ציפערן ניט אריינגעשיקט. האט אלזא דער קאמפף אבגעקאסט פיעל מעהר.

* * *

איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען, וואס ווערט דערמאהנט אין דעם רעפארט פון דער עקזעקוטיוו קאונסיל, איז די פראגע פון אגענטורען, וואס שטעלען צו שפיאנען און סקעבס צו די באסעס און פערנעהמען זיך מיט ברעכען סטרייקס דורך פערשיעדענע שמוציגע מיטלען, פאר גוטע געלד. דאס איז א זעהר אנגעווענדעטע פראגע ביי דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און עס איז שוין לאנג צייט געווען צו נעהמען א שטעלונג. יעדענפאלס איז בעסער שפעטער איידער גאר ניט.

מעמבערס. דערפאַר האָבן אָבער מאַנכע יוניאָנס זיך אַרויפגעאַרבייט און געוואַקסן צו עטליכע טויזענד מעמבערס.

ווי מיר זעהן האָבן די פערלוסטען א שייכות מיט דער אַרבייטסלאָזיגקייט פון לעצטען יאָהר בלויז פערהעלטניסמעסיג; דאָס הייסט, ווען ניט דער קריזיס, וואָלטען די יוניאָנס געווען פערגרעסערט די צאָהל פון זייערע מעמבערס און די פעדעריישאָן וואָלט איצט געווען ווענינסטענס מיט א הונדערט טויזענד מיטגליעדער שטאַרקער ווי אין 1914. נו, לאָמיר זעהן וואָס עס בעדייטען די פערלוסטען פון די דערמאָהנטע יוניאָנס:

עס איז ניט גאַנץ זיכער צי די יונייטעד מיין וואָירקערס האָט פערלאָרען די גאַנצע 22 טויזענד מעמבערס צוליעב דעם קריזיס. עס איז זיכער א סברה, אז דיעזער פערלוסט איז געקומען צוליעב דעם צושטאַנד פון טערראָר אין קאָלאָראַדאָ. פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר האָט די יונייטעד מיין וואָירקערס אָנגעפיהרט זעהר העפטיגע קעמפפע אין וועסט ווירדזשיניא, קענערע און קאָלאָראַדאָ. די קעמפפע האָבן זיך אין יעדען אָרט געצויגען מאָנאַטען לאַנג און האָבן פערפעהלט זייער ציעל. טראָצדעם האָט די יוניאָן נאָך נוט אָבגעשניטען. זי האָט לעצטען יאָהר געצאָהלט פער־קעפּיטא צו דער פעדעריישאָן פאַר 311 טויזענד מעמבערס. איהרע סטרייקס אין דעמזעלבען יאָהר האָבן איהר אָבגעקאָסט א מיליאָן 738 טויזענד און 500 דאָל.

די איינציגע יוניאָן וואָס האָט דורכאויס געליטען צוליעב דעם קריזיס איז געווען די קאַרפענטערס יוניאָן. אַנדערש קען מען איהר פערלוסט פון 17 טויזענד מעמבערס ניט ערקלעהרען. די קאַרפענטערס שאַפען זאַכען וואָס זיינען א לעבענס־נויטווענדיגקייט, דאָך קען מען זיך אין א נויט בעגעהן אָהן זיי. דאָס האָט נאַטירליך געמאַכט אין זייער טרייד סלעק. דאָך, אין פערגלייך מיט איהר מיטגליעדערשאַפט, איז דאָס קיין גרויסער פערלוסט ניט געווען. די קאַרפענטערס און דזשאָינערס יוניאָן האָט לעצטען יאָהר געצאָהלט פער־קעפּיטא פאַר 196 טויזענד מעמבערס.

דער פערלוסט פון דער וועסטערן פעדעריישאָן אָף מיינערס ערקלעהרט זיך מעהר דורך דעם אינערען צושטאַנד פון דער יוניאָן, איידער דורך דעם קריזיס. זינט דעם סטרייק אין קאַלומעט, מישיגען, איז דער וועסטערן פעדעריישאָן אָף מיינערס געגאַנגען מיט דער פּומער אַראָב. דער ווערטעל, „ווען עס איז ניטאָ קיין גליק איז אויך ניטאָ קיין שלום בית", איז זעהר אמת וועגען טרייד יוניאָנס. זינט דעם פערלאָרענעם סטרייק זיינען ענטשטאַנען אינערליכע צווייסטיגקייטען אין געוויסע פון איהרע לאָקאַלס. אונטער אזעלכע אומשטענדען קען קיין יוניאָן איהרע מעמבערס ניט אָנהאַלטען. זייט איינינע יאָהר זוכט זי צו פעראייניגען זיך מיט דער יונייטעד מיין וואָירקערס, אָבער דער פּלאַן איז ליידער דורכגעפאַלען.

יעדענפאַלס האָט די וועסטערן פעדעריישאָן אָף מיינערס אין דעם לעצטען יאָהר געצאָהלט פער קעפּיטא פאַר איבער 16 טויזענד מעמבערס.

דער פערלוסט פון דער יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס האָט אודאי קיין שייכות ניט מיט דעם קריזיס. דאָס ערקלעהרט זיך דורכאויס צוליעב דער שפּאַלטונג אין די רייהען. לויט דעם אָפיציעלען רעפּאָרט האָט זי פערלאָרען 65 לאָקאַלס און כמעט א דריטעל פון איהרע מעמבערס. די פער קעפּיטא ווערט גערעכענט ביז ענדע סעפּטעמבער. ענדע סעפּטעמבער 1914 איז די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס געשטאַנען מיט איבער 60 טויזענד מעמבערס. פאַר דעם לעצטען יאָהר, 1915, האָט זי אָבגעצאָהלט פער קעפּיטא, לויט די אָנגעגעבענע ציפערן אין דעם רעפּאָרט פון עקזעקוטיוו קאָונסיל, פאַר אַן ערך 42 טויזענד מעמבערס. ריכטיג גערעדט הייסט דאָס ניט קיין פערלוסט פאַר די טרייד־יוניאָן בעוועגונג, ווייל די 18 טויזענד מעמבערס זיינען דאָך מן הסתם אין די אמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָירקערס. לאָמיר האָפען, אז עס וועט אין גיכען געפונען ווערען א מיטעל ווי צו שליכטען דעם ברודער־קריעג און בריינגען איינינקייט אין די רייהען.

* * *

די וועלכע האָבן ערוואַרט אז עס זאָלען בלאָזען פרישע, רעוואָלוציאָנערע ווינטען, וועלען זיין ענטוישט. ווייל אויף וואָס קוקענדיג בעגרינדען זיי דיעזע ערוואַרטונג? וואָס האָט היינטיגען יאָהר פּאַסירט, מעהר ווי אימער, צו שאַפען ענדערונגען אין די געדאַנקען פון די אַרבייטער פערטרעטער, וועלכע זיינען מיסטענס דיזעלבע ביי יעדען קאָנווענשאָן? די פראַטוירנאַל דעלעגאַטען פון אויסלאַנד בעגייסטערען מאַנכעס מאָל די קאָנווענשאָן מיט זייערע נאַכריכטען און ברייטערע האָפנונגען פאַר א הערליכע צוקונפט.

אַזוי ווי די בעווייזע ביים טריאַל האָבען קלאָר געצייגט, אַז אַלע בעשולדיגונגען געגען די בעאַמטע און מעמבערס פון דער יוניאָן זיינען מיט אַ צוועק פאַבריצירט געוואָרען אויף אַ ווילדען אופן פון אַ בעוואוסטע באַנדע צובייטרייבער פון סקעבס, און זיינען אונטערשטיצט געוואָרען פון אַ גרופּע געוויסענלאָזע מאַנופעקטשורערס און האָבען געהאַט די סעקרעטע צושטימונג פון אַן איינזייטיגען פּראָקוראָר, וואָס האָט פאָראורטהיילע געגען אָרגאַניזירטע אַרבייטער;

אַזוי ווי מיט דיעזע פּראָצעסען, וואָס זיינען בעגרינדעט אויף געמאַכטע פאַלשע בעשולדיגונגען געגען אונזערע ברידער פון דער אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, ציעלט מען זיך אָפען אָבצושוואַכען די יוניאָן פינאַנציעל און מערשווערען איהר אין די אויגען פון דעם פּובליק אַלס אַ קרימינעלע אָרגאַניזאַציאָן, דאַרום זיי עס

בעשלאָסען ביי דעם 35טען יעהרליכען קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָף לייבאָר, דאָס מיר ערקלעהרען, אַז דיעזע פערפאָלגונגען געגען די בעאַמטע און מעמבערס פון דער אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן צייגען, אַז מען האָט אויך אַן עקעלהאַפטען אופן איבערגעגעבען די מאַשינערי פון גערעכטיגקייט אין די הענד פון די שונאים פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט.

עס ווערט אויך בעשלאָסען, אַז מיר פערפּפליכטען זיך צו שטיצען די אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און פאָדערען אויף אַלע אָרגאַניזאַציאָנען וואָס זיינען מיט אונז פערבונדען זיך אָבצורופען ערעלמוטהיג אויף איהר אַפּיעל פאַר פינאַנציעלע שטיצע, אום צו העלפען דעקען די קאָסטען פון דער פערטהיידיגונג, אין די קייסעס וואָס דאַרפען נאָך פאָרקומען פאַר׳ן געריכט געגען די מעמבערס און אָפיסערס.

* * *

## די פעדעריישאָן און די פערייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

הפנים אַז די אַמעריקאַנער יוניאָנס זיינען פאַרט ניט אַזוי שלעכט ווי מען מאָהלט זיי. דאָס זעהט זיך אַרויס פון דער האַנדלונג פון דער קאָנווענשאַן אין סען־פראַנציסקאָ וועגען דער פראַגע פון די פערייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און פון אַ בריעף פון סעקרעטער שיפּלאַקאָף אין וועלכען ער ערקלעהרט, אַז די פיהרער און טהוער פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבען אויף איהם געמאַכט זעהר אַ גוטען, סימפּאַטישען איינדרוק. אָבער לאָמיר געהן כסדר:

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל אין זיין רעפּאָרט צום קאָנווענשאַן גיט איבער די טרוקענע פאַקטען און פאָסירונגען אין דעם סכסוך. ער דערצעהלט וועגען די קאָנפערענצען וואָס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען און ווי דער קאָונסיל האָט זיך אָנגעשטריינגט דורכצופיהרען דעם בעשלוס פון דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאַן אין דעם סכסוך צווישען דער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" און די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס". דער לעצטער פּאַראַגראַף אין דעם רעפּאָרט ערקלעהרט:

„נור דאַן ווען די פערייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען אַרויסגעוויזען, אַז זיי מיינען צו האַלטען ביי זיך, אַנערקענען און אונטערשטיצען די אָבגעשפּאַלטענע לאָקאַלס און דערמיט ווערען אין אָפּאָזיציאָן צו דער סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן — נור דאַן האָט די אַמעריקען פעדעריישאַן אָף לייבאָר זיך ענטזאָגט צו אַרבייטען צוזאַמען מיט דיעזער אָרגאַניזאַציאָן".

די קאָמיטע וואָס האָט שטודירט דעם רעפּאָרט פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט אינדאָרסירט די שטעלונג פון דעם קאָונסיל אין דער פראַגע, אָבער זי האָט רעקאָמענדירט, אַז דער קאָונסיל זאָל זיך אָנשטריינגען צו שליכטען דעם סכסוך אין שניידער טרייד.

פּרעזידענט שלעזינגער, דער דעלעגאַט פון אונזער אינטערנעשאַנעל, ערקלעהרט אַז די פערייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען קיינמאָל אין זינן ניט געהאַט צו פערלעצען די אָנגענומענע איינפיהרונגען פון דער א. פ. אָף ל. עס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען איינינע קאָנפערענצען און די שוועריגקייט עקזיסטירט ניט מעהר.

לויט פערשיעדענע רעפּאָרטס, האָט פּרעזידענט גאָמפּערס גערעדט זעהר סימפּאַטיש וועגען דער פראַגע. ער ערקלעהרט, אַז די פער. אידישע געווערקשאַפטען האָבען איהם אָפיציעל מודיע געווען, דאָס זיי האָבען בעשלאָסען נאָכצוקומען דעם בעשלוס פון דער פעדעריישאָן. עס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען איינינע קאָנפערענצען צווישען די פיהרער פון די בעטרעפענדע יוניאָנס און די פראַגע איז זעהר גוטמוטהיג און פריינדליך דיסקוטירט געוואָרען. זיין מיינונג איז, אַז דער סכסוך וועט ענדליך געשליכטעט ווערען אויפ׳ן בעסטען אופן.

אין אַ בריעף וואָס שיפּלאַקאָוו האָט געשיקט צו די פער. איד. געווערקשאַפטען פון סען־פראַנציסקאָ, ערקלעהרט ער אַז, „דאָ, אין אונזער געגענד, האָט מען אַ פאַלשען בעגריף וועגען די טהוער און פיהרער פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט. דאָ שטעלט מען זיך געוועהנליך פאָר, אַז יעדער פערטרעטער פון אַ יוניאָן איז אַ

אױף דער פילאַדעלפיער קאָנװענשאָן זײנען אַרײנגעבראַכט געװאָרען 2 רעזאָלוציאָנען, װעלכע האָבען בעאױפטראַגט דעם פּרעזידענט צו אַפּאָינטען א קאָמיטע, װאָס זאָל צושטעלען א רעפּאָרט װעגען די מעהטינגקײט און מעשים פון דיעזע פּריװאַטע אַגענטורען. די עקזעקוטיװ קאָונסיל זאָל דאַן צוגרײטען פּראָיעקט־געזעצען, װאָס זאָלען אַרײנגעבראַכט װערען אין קאָנגרעס און די סטײט־לעדזשיסלײטשור, אַז עס זאָל אַזעלכע סטרײק־ברעכער אַגענטורען קײן „לײסענס" אָדער ערלױבניש פון דער רעגיערונג ניט געגעבען װערען צו בעטרײבען זײער שװאַרצע ביזנעס נעגען די אָרגאַניזירטע אַרבײטער. דער רעפּאָרט רעכענט אױס מיט די נעמען 32 אַזעלכע אַגענטורען איבער'ן גאַנצען לאַנד און בעשרײבט זײערע גרױליכע מעטאָדען. ער דערמאָהנט אױך דעם בטײט איללינאָי, װאָס האָט אָנגענומען א געזעץ אין 1906, װעלכער פערבאָט די באָסעס צו דינגען בעװאָפענטע בױאָנעס. און אױך דעם פּראָיעקט געזעץ װאָס איז אַרײנגעבראַכט געװאָרען אין דעם סענאַט פון ניו דזשערזי און ניט אָנגענומען געװאָרען.

אײניגע רעזאָלוציאָנען זײנען פון בעזונדערען אינטערעס. צװײ רעזאָלוציאָנען זײנען אַרײנגעבראַכט געװאָרען װעגען דעם ענין פון ענגערע פעראײניגונג צװישען די יוניאָנס און די אַרבײטער פון עהנליכע טרײדס. אין רעזאָלוציאָן פערלאַנגט, אַז יוניאָנס פון עהנליכע טרײדס זאָלען זיך אַמאַלגאַמירען. א צװײטע פערלאַנגט, עס זאָל אײנגעפיהרט װערען די אינדוסטריעלע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציאָן. עס איז אָבער בשום אופן ניט זיכער צו די פראַגען װעלען בײ דיעזער קאָנװענשאָן געלעזט װערען, דערפאַר, װאָס װי גרינג עס זאָל־ניט זײן צו בעשטימען א זאַך טהעאָרעטיש — װען עס קומט צו פּראַקטיקע, דערזעהט מען ערשט די ריכטיגע שװעריגקײטען. די מײנערס זײנען פיליײכט די ראַדיקאַלסטע פון אַלע אַרבײטער, און טהעאָרעטיש זײנען זײ פאַר ענגערע פעראײניגונג, דאָך, װי שױן דערמאָהנט, איז דער פאָרשלאַג צו פעראײניגען זיך מיט דער װעסטערן פעדערײשאָן אָף מײנערס דורכגעפאַלען. „ניט פּראַקטיש אין דיעזען מאָמענט", ערקלעהרט דער רעפּאָרט פון דער יונײטעד מײן װאָירקערס און בײדע יוניאָנס האָבען דערין אײנגעשטימט.

א רעזאָלוציאָן װאָס איז גאַנץ אָריגינעל איז פאָרגעבראַכט געװאָרען װעגען א פּלאַן פון הערכערע לױס. די רעזאָלוציאָן פערלאַנגט, אַז צו יעדער צײט װען א יוניאָן בעקומט א העכערונג אין שכירות, זאָלען די דיוס געהעכערט װערען מיט 10 פּראָצענט פון דער העכערונג. עס איז זיכער, אַז װען דאָס זאָל אָנגענומען װערען, װאָלט עס זײן ניט מעהר װי א רעקאָמענדאַציע. דער פּלאַן איז ניט פּראַקטיש, װײל עס [illegible] זעלטען, אַז אַלע מעמבערס פון דער אָרגאַניזאַציאָן בעקומען א העכערונג אין שכירות אין אײן און דערזעלבער צײט. כדי אַז א העכערונג אין דיוס זאָל ניט פעראורזאַכען א מיש־מאַש אין די פינאַנצען פון דער יוניאָן, מוז זי זײן אַלגעמײן — פאַר אַלע מעמבערס.

אין דער פראַגע פון די העטטערס איז אָנגענומען געװאָרען א רעזאָלוציאָן װאָס איז צום קרעדיט פון דער קאָנװענשאָן. עס איז געמליך בעשלאָסען געװאָרען, *אַז דעם 27טען* יאַנואַר, פּרעזידענט גאָמפּערס' געבורטסטאָג, זאָל יעדער אַרבײטער װאָס איז פערבונדען מיט דער פעדערײשאָן דורך זײן יוניאָן, אָבגעבען די שכירות פאַר דער צװײטער שטונדע אַרבײט צו דער העטטערס יוניאָן פאַר די ראַזינע פון איהרע מעמבערס בײ װעלכע מען װעט פערנעהמען זײערע הײזקעס, אום צו בעצאָהלען דער פירמע „לאָעװ עט קאָ." די סומע, װאָס מיט פּראָצענט װעט זי איצט בעטרעפען 300 טױזענד דאָלאַר.

* * *

## די רעזאָלוציאָן װעגען אונזער אינטערנעשאָנעל.

די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן איז אַרײנגעבראַכט געװאָרען פון די דעלעגאַטען פון אונזער אינטערנעשאָנעל, פּרעזידענט בענדזשאַמין שלעזינגער און סאַלאָמאָן פּאָלאַקאָף, דער מענעדזשער פון דער װײסט און דרעססמײקערס יוניאָן, אין בעצוג דעם לעצטען מאָרד־פּראָצעס נעגען אונזערע בעאַמטע און מעמבערס און די אינדזשאָנקשאָנס נעגען די איבריגע אָפיסערס און מעמבערס אין אונזערע יוניאָנס:

אַזוי װי 14 מענונגערע אינדזשאָנקשאָנס זײנען לעצטענס געקומען געװאָרען בײ דער גרענד דזשורי פון דער „קאָונטי אָף ניו יאָרק", װעלכע בעשולדיגען 24 אָפיסערס און מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיעס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן אין פערשידענע פערברעכען, פון ערשטען גראַד מאָרד ביז רױב, ערפּרעסונג און ריאָטס;

אַזוי װי דער טריאַל פון די 8 בעאַמטע און מעמבערס פון דער אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך געענדיגט אײניגע װאָכען צוריק, מיט א פאָלשטענדיגע און שנעלע בעפרײאונג פון די בעשולדיגטע;

קרומען וועג. וואו עס שפאצירען ארום מאנכע
בלומר'ש „מומחים" אין ארבייטער־אנגעלעגענ־
הייטען, און דערצעהלען איהם דארט זאכען פון
דער א. פ. אף ל. אין א פערקעהרטער אדער
שלעכט־אויסגעטייטשטער פארמע, ביי די אומות
העולם, ביי אונזערע שכנים, „די אמעריקאנער,
וועבט זיך דאס לעבען נארמאל. די אמעריקא־
נער ארגאניזירטע ארבייטער ווען זיי ווילען זוי־
כען די טהעטיגקייט פון זייערע ארגאניזאציאנען
אדער פון דער אמעריקאן פעדערישאן אף ליי־
באר זוכען זיי דאס ניט אין די אלגעמיינע טעג־
ליכע אדער וועכענטליכע צייטונגען. זיי בלע־
טערען זייערע טרייד־יוניאן זשורנאלען, וואו עס
איז קלאהר און זאכליך ארויסגעשטעלט יעדער
שריט וואס „ארגאנייזד לייבאר" מאכט. די
מעהר ראדיקאלע אדער סאציאליסטישע טרייד־
יוניאניסטען געפינען אין דיזעלבע טרייד־יוניאן
זשורנאלען אדער צייטונגען גענוג פלאץ צו קרי־
טיקירען ערשיינונגען אין דער ארבייטער־בע־
וועגונג פון זייער שטאנדפונקט. אבער ג י פ ט
א ו ן ג א ל אויף פאסירונגען וואס זיינען
ניט לויט זייער וואונש, איז דארט ניט בנמצא.
פערדרעהען פאקטען אדער אויסטייטשען אלעס
„מיט'ן קאפ אראב" איז געוויס ניט אין זייער
„ליין"...

אנדערש איז ביי אחינו בני ישראל. ביי
אונז, אז מיר האבען שוין א פאאר טרייד־יוניאן
צייטונגען, זיינען זיי ערשטענס, ניט פאפולער
גענוג צווישען די מאסען, זיי זאלען וויסען, אז
וואס אנבעלאנגט טרייד־יוניאן אנגעלעגענהייטען,
דארפען זיי זוכען טאקע דארט, אין דיזע צייי־
טונגען; און צווייטענס, זיינען זיי געבענשט
מיט צופיעל „עניוות" און ווילען ניט ארויפ־
ציהען אויף זיך יענע אויטאריטעט, אז די „אי־
דישע גאס" זאל וויסען, אז קריגען א בעגריף
פון דעם טרייד־יוניאניזם קען מען ביי זיי, און
אז דארט טאקע טרעפט מען אויף די ריכטיגע
אינפארמאציאנען וועגען דער טרייד־יוניאן בע־
וועגונג — די ארבייט און דעם כאראקטער פון
דער א. פ. אף ל.

און נאך עטוואס.

די אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען די
מעהרסטע לעזער פון די אלגעמיינע אידישע
צייטונגען און, אין א געוויסער מאס, אויך זייערע
אויפהאלטער, זיינען געוועהנט אלעס צו געפינען
אין הער צייטונג. פערשטעהט זיך, אז זיי זו־
כען דארט אויך, ווען עס פערוויילט זיך זיי הער־
רען א ווארט וועגען דער טרייד־יוניאן בעוועגונג.
די צייטונג איז שוין ממילא געצוואונגען צו האָ־
בען א „לייבאר דעפארטמענט" מיט א „לייבאר
עדיטאר". און אט דיזע „לייבאר דעפארט־
מענטס" און „לייבאר עדיטארס" זיינען אין א
געוויסען זין שולדיג, וואס צו א גרויסען טהייל
פון דער אידישער ארבייטערשאפט איז די א. פ.
אף ל. להלזמין פרעמד; און אויב מען ווייס
שוין יא עטוואס פון דער א. פ. אף ל. איז עס
אלס „א שטיק ווילד־פלייש" אדער „וואסער־
קאפ" אויף דעם קערפער פון דער אמעריקאנער
ארבייטער בעוועגונג.

אט פראבירט א מאל טהאן דעם ערשטען
בעסטען אינטעליגענטען אידישען ארבייטער.
שמועסט זיך מיט איהם פונאנדער וועגען דער
א. פ. אף ל., וועט איהר גלייך הערען, אז ער־
שטענס זיינען דארט דא „א באנדע פייקערס"
און „רושאב־האלדערס"; און אויב אלעס איז
כשורה פון דעם שטאנדפונקט פון עהרליכקייט,
איז אבער זיכער, אז די ווארט־פיהרער פון דער
א. פ. אף ל. פערשטעהען ניט דעם „גייסט פון
דער צייט"... זיי זיינען שוין אלט, אבגע־
לעבט א. ז. וו.

אמת איז, אז סאציאליסטען קענען האבען
גערעכטע טענות צו דער א. פ. אף ל. גאנץ
אפט ווערען זיי בעליידיגט פון מאנכע זייטלען
פון דיזער „פיור און סימפעל" טרייד־יוניאן
קערפערשאפט. די סאציאליסטישע פארטיי איז
אודאי בערעכטיגט מיט איהר געשריי, אז אויב
די א. פ. אף ל. נעהמט שוין יא אריין פאליטישע
טהעטיגקייט אין איהר פראגראם, און אנערקענט
עס אלס א קאמפפס־פארמע פאר די אינטערע־
סען פונ'ם ארבייטער קלאס, טא לאז זי שוין
אויך זיין קאנסעקווענט און זיך דערנעהענטע־
רען מעהר צו דער פאליטישער פארטיי פונ'ם
ארבייטער קלאס, די סאציאליסטישע פארטיי.
אנשטאט צו ש פ י ע ל ע ן ז י ך אין פא־
ליטיק, זאל זי פ י ה ר ע ן פאליטיק. ריידען
מיט גרינגשעצונג וועגען דער סאציאליסטישער
פארטיי און מיט יראת הכבוד וועגען די קאפי־
טאליסטישע אדער רעפארם פארטייען, פאסט
ניט פאר דער אפיציעלער קערפערשאפט פון דער
ארבייטער בעוועגונג. דורכפיהרען אן ארבייטער־
געזעץ און מיינען, אז דערמיט האט מען שוין
ערפילט דעם פולען פאליטישען חוב צו דעם
ארבייטער קלאס איז זעלבסט־נארעריי. יא, די
סאציאליסטען קענען האבען גערעכטע טענות צו

פערברעכטער קאנסערוואטאר. א פּאליטישען פון נידעריגען סארט, און אז קיין עהרע און געוויסען עקזיסטירט ניט ביי איהם. מיין בעקאנטשאפט מיט די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן האט מיר בעוויזען, אז עס איז ניט ריכטיג. געוועהנליך, עס טרעפט זיך אן איינאהמע, אבער אין אלגעמיין איז עס א סימפּאטישער טיפּ, וואס איז איבערגעגעבען און טריי צו דער ארבייטער־זאך. יעדער זיעג פון די ארבייטער, צו אויף דעם עקאנאמישען אדער אויף דעם פּאליטישען פעלד, רופט ביי זיי ארויס א טיעפע פרייד. דער פאקט, למשל, וואס איך בין ערוועהלט געווארען אלס אסעמבלימאן האט געמאכט, אז זיי זאלען זיך צו מיר בעציהען מיט גרויס אכטונג און ליעבע. מיינע רייד וועגען דער בעציהונג פון די גארמענט וואירקערס צו די אמאלגאמייטער רופט ביי זיי ארויס גרויס אינטערעס און סימפּאטיע פאר די געקריוודעטע, און עס איז צו האפען, אז די רעזולטאטען פון אונזערע אונטערהאנדלונגען וועלען זיין ערפרעהענדע".

וואס דארף מען זיך „אמפּערען" און „מארדע רייבען" און סתם ניסען מיט גאל אויף יערען מיט וועלכען מיר קענען ניט איינשטימען, אז עס איז פארט לייכטער צו שליכטען סכסוכים גוטמוטהיג און אויף א פריינדליכען אופן? ווען די מלחמה־נאציאנען וואלטען זיך געווען גוטמוטהיג און פריינדליך דורכגערעדט איידער זיי האבען אנגעפאנגען די איצטיגע, פערברעכערישע מלחמה, וואלט עס דאך דערצו גאר ניט געקומען. נאטירליך איז נויטיג, אז מיר זאלען קעמפפען ביטער, הייס און שטארק נעגען פערביסענע רמ־שונאים. אבער קעמפפען אינערהאלב דער ארבייטער בעוועגונג — א ברודער קאמפף! — ווען מען קען עס, מיט א גוט ווארט אין צייט, דורכאוים פערמיידען, איז א פערברעכען נעגען דער ארבייטער זאך. די פער. איד. געוו. האט דא געמוזט בויגען זיך פאר דעם אונפערמיידליכען. אבער אנשטאט צו פערליערען, האט זי צוזאמען מיט דער ארבייטער בעוועגונג ערהאלטען א זיעג. לאמיר זיך ניט נארען — האט די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען געקענט האפען צו בעקעמפפען די אמעריקען פעדעריישאן או לייבאר?

# די אמעריקאן פעד. אף לייבאר און איהרע קריטיקער

פון ה. לאנג.

עס איז מערקווירדיג. קיין קאנסטיטוציאן, קיין קערפערשאפט ווערט ניט אזוי מיסרעפרעזענטירט פאר דער עפענטליכקייט ווי די צענטראלע ארגאניזאציע פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג — די אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר. קיין געזעלשאפטליכע בעוועגונג ווערט ניט אזוי פאלש פארגעשטעלט. און איהרע האנדלונגען ווערען ניט אזוי ביזווילליג אויסגעטייטשט, ווי עס איז דער פאל אט מיט דער גליקליך־אונגליקליכער א. פ. אף ל.

עס איז פערשטענדליך, ווען מען בעגעגענט אפט אין דער קאפּיטאליסטישער פרעסע ווילדע אנפעלע און נארישע פערלוימדונגען אויף יוניאנס בכלל און זייערע פיהרער בפרט. עס קען ניט פערדריסען, ווייל עס איז נאטירליך אז בורזשואזנע זשורנאליסטען אדער ביליגע רעפּארטערליך פערדרעהען פאקטען אדער זויגען אויס „סטאריעס" פון זייערע פינגער, אום צו דיסקרעדיטירען די א. פ. אף ל. און איהרע ווארטפיהרער. אט אזוי פערלאנגען די, וועלכע סובסידירען זיי מיט „פעטע" אדווערטייזמענטס אין זייערע צייטונגען; מיט דעם בעפרידיגען זיי און בריינגען א נחת רוח, צו די „העררען פון אונזער לעבען", די „קאפּיטאנען פון דער אינדוסטרי". אין בעסטען פאל קען עס ערקלעהרט ווערען מיט דעם, וואס אזוי גלויבען זיי טאקע. זייער פּסיכאלאגיע איז א קאפּיטאליסטישע. זיי גלויבען באמונה שלמה, אז די ארבייטער־בעוועגונג איז אן אונגליק פאר'ן לאנד. איהר בעקעמפפען, איהר פער'מיאוס'ען, דאס איז זייער ציעל — ערט עס זיי ניט אויב זייערע לעזער ווערען שלעכט אינפארמירט, אבגענארט. זיי וועלען דורך דעם קוקען קרום אויף דער טהעטיגקייט פון דער א. פ. אף ל.? נו, דאס ווילען זיי דאך!

עס פערדריסט אבער — מעהר, די הארץ ווערט אנגעפילט מיט וועהטאג — ווען אויף דער אידישער לעזער ווערט פערנארט אויף א

ליך די „צוויי און האלב מיליאן" (א פאלשער חשבון: קנאפע צוויי מיליאן) ארבייטער, וואס בעלאנגען צו איהר". אין אנדערע ווערטער וועט עס הייסען, אז די א. פ. אף ל., די צענטראלע ארגאניזאציע, מישט זיך ניט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון איהרע אנגעשלאסענע קערפערשאפטען. די „פונקציעס פון די ארטיגע פאך־ארגאניזאציעס זיינען ניט קאנצענטרירט ארום דעם צענטראל קאמיטעט", ארום דעם אפיס אין וואשינגטאן. און דערפאר טויג עס ניט.

דער בעסטער בעווייז, אז דיעזע ארגאניזאציאן איז גאנץ פרעמד צו איהם, איז וואס ער בעגרייפט ניט, אז די א. פ. אף ל. איז געגרינדעט אויף די העכסטע לאקאלע אויטאנאמיע וואס קען נור געבען. דאס ביסעלע קאנטראל וואס די פעדערײשאן איבט אויס אויף די אנגעשלאסענע ארגאניזאציאנען, קומט ניט פון אויבען, ניט פון די פיהרער—ניט פון פרעזידענט גאמפערס אדער דעם עקזעקוטיוו קאונסיל — נור טאקע פשוט פון די יוניאנס אליין. די קאנווענשאן איז דער העכסטער אינסטאנץ. און אט טאקע דערפאר פערציינבענט זי יעדען יאהר פראגרעס און ערפאלג. עס איז געוועזן דער געשריי פון דעצענטראליזאציע, פון „ניט קאנטראלירען אינערליך" ידי אנגעשלאסענע יוניאנס, וואס האט געבראכט צום לעבען די א. פ. אף ל. און אויך איהר ענטוויקלונג און איהר אונגעהויערען וואוקס.

די אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר „פיהרט ניט איהרע מיטגליעדער געשלאסען דורך „ווינד און וועטער" צו א גרויסען ציעל".—אט דאס שרייבט א „לייבאר עדיטאר" און ניט זיך אפילו ניט א קרום... יא, מוחל, „ווינד און וועטער" — אבער איז דען ניט דער טאג־טעגליכער קאמפף פאר א גרעסערען פריין, פאר דעם ארבייטער'ס סחורה — זיין ארבייטס־קראפט, וואס ווערט אזוי מיאוס־ביליג אבגעשאצט פון די בעלי בתים — איז דאס ניט א קאמפף פאר א הויכען ציעל? פאר א פאעט אפשר ניט. עס איז צו מגושם'דיג, פראזאאיש... פאעטישע „לייבאר עדיטארס" פיהלען מן הסתם ניט, אז העכערע שכירות שטילט אפט דעם הונגער. זיי קענען לעבען מיט נאלע רוחניות... און צו בעקומען מעהר דעה אין דער פיהרונג און בעשטימונג פון דער אינדוסטריע בכלל, און די צושטענדע ביי דער ארבייט בפרט, וואס דאס איז דער תמצית פון דער טרייד־יוניאן בעוועגונג, מיינט — א שווערער און אפט שטורעמדיגער קאמפף „דורך ווינד און וועטער" „פאר א גרויסען ציעל".

יא, קיין געזעלשאפטליכע בעוועגונג ווערט ניט אזוי פאלש פארגעשטעלט, ווי די אמעריקאנער טרייד־יוניאן בעוועגונג אין דער פארם פון דער א. פ. אף ל. זי איז אבער „עהנליך צו אן אלטען, גאנץ־גוט געאוילטען לאקאמאטיוו", וואס קען זיך „קאטשען רוהיג און לאנגזאם"; אבער קען אויך לויפען מיט שטורם אלץ פארווערטס, צו דעם ציעל פון מעהר ברויט און מעהר פרייהייט פאר דעם ארבייטער קלאס.

# אן איבערקעהרעניש אין דער עקאנאמישער לאגע פון די ארבייטער אין ענגלאנד*)

פון ר. קערר.

אין דער צייט ווען אויף די שלאכטפעלדער פון אייראפעאישען קאנטינענט ווערען טאגטעגליך אויסגע'הרג'עט און פערקריפעלט אומ'ן גאנצען לעבען טויזענדער פון די קרעפטיגסטע מענער פון די אייראפעאישע פעלקער; אין דער צייט ווען דארט ווערען חרוב אזוי פיעל אוצרות, וואס האט גענומען דורות־לאנג אויפצובויען— אין אט דער צייט קומט אין ענגלאנד גופא פאר א שטילע אבער העפטיגע איבערקעהרעניש, וואס וועט אהן ספק האבען א דויערענדע ווירקונג אויף דעם צוקינפטיגען עקאנאמישען און פאליטישען לעבען פון לאנד.

זינט די מלחמה האט אויסגעבראכען האט

*) דיעזער ארטיקעל דארף געלעזען ווערען צוזאמען מיט דער גרויסער רעדע וואס רעלעגאט אסמאן, געשיקט פון דעם ענגלישען טרייד־יוניאן קאנגרעס, האט געהאלטען אויף דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר אין סען־פראנציסקא. דער לעזער וועט געפינען די רעדע אויף אן אנדער ארט אין דיעזען זשורנאל.

דער א. פ. אָף ל. דאָס אָבער קען ניט ענטשולדיגען אירגענד וועלכען סאָציאַליסט, וואָס איז א צופעליגער „לייבאָר עדיטאָר" פון א ניט־אַרבייטער־צייטונג צו מיסרעפּרעזענטירען ביי יעדער געלעגענהייט אַלעס וואָס קומט פאָר אין און אַרום דער א. פ. אָף ל. גאַנץ אָפט טרעפט, וואָס אפילו אונזער „פאָרווערטס" און די „פ. א. ש." און מיט זיי די גאַנצע אידישע אַרבייטער־פּרעסע, פערטיידיגען זיך ניט גענוג אין געוויסע פראַגען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דער א. פ. אָף ל. און עס קומט דערפון אַרויס א שלעכטער „דזשאָב"... זיי האָבען אָבער געבויט די אידישע יוניאָנס, וועלכע זיינען טהיילען פון דער א. פ. אָף ל. זיי זיינען דאַרום בערעכטיגט א מאָל איבערצוכאַפּען די מאָס און צופיעל מוסר זאָגען... ווען דאָס טהוען אָבער אַנדערע צייטונגען, גלאַט אַזוי זיך, אום צו קאָקעטירען מיט א „לייבאָר דעפּאַרטמענט" — צייטונגען, וועגען וועלכע עס איז נאָך א גרויסע פראַגע צו זיי מיינען עס מאַקע ערנסט מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג, און שרייבער וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געהאַט די מינדסטע מגע ומשא מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג — דאַרף מען זיי וואָס שנעלער דערמאָהנען, אַז עס איז ניט זייער „ליין אָף ביזנעס"...

ביי דער געלעגענהייט וואָס אין פערלויף פון לעצטען מאָנאַט האָט די א. פ. אָף ל. אָבגעהאַלטען איהר 35־טע קאָנווענשאָן, האָבען אַלע אידישע צייטונגען געווידמעט וועגען דעם ספּעציעלע אַרטיקלען. און מערקווירדיג, קיינע פון זיי האָט ניט געפונען פאַר נייטיג צו דערצעהלען איהרע לעזער וועלכע אינדוסטריען עס זיינען אָרגאַניזירט אונטער דער פאָהן פון די א. פ. אָף ל.; ווי איז די א. פ. אָף ל. צוזאַמענגעשטעלט; וואָס איז דער כאַראַקטער פון איהר אַרבייט א. ז. וו.—אַנשטאַט דעם, איז מען אָבגעקומען מיט א „רייב טהאָן און מאַרדע" דעם אַלטען גאָמפּערס'ען און מיט א פּאָאַר „געפּעפּערטע" אויסדריקע פון גרינגשעצונג פאַר אַלעם וואָס האָט צו טהאָן מיט דער א. פ. אָף ל.

פון דעם יעהרליכען רעפּאָרט פון'ם עקזעקוטיוו קאָונסיל דערוויסען מיר זיך, אַז די א. פ. אָף ל. איז צוזאַמענגעשטעלט פון פינף „דעפּאַרטמענטס" — גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־גרופּען.; הונדערט און צעהן נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, וועלכע האָבען 21.887 לאָקאַלס; 489 פעדעראַל לאָקאַלס — אַזעלכע וואָס זיינען דירעקט אָנגעשלאָסען אָן דער א. פ. אָף ל. ווייל די טריידס וועלכע זיי פערטרעטען זיינען ניט אָרגאַניזירט איבערן גאַנצען לאַנד; 44 סטייט פעדערייששאָנס; 673 שטאָדטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטען און 389 לאָקאַלע דעפּאַרטמענט־קאָנסילס. דיזע אַלע אָרגאַניזאַציאָנס־גרופּען פון דער א. פ. אָף ל. האָבען אין פערלויף פון לעצטען יאָהר געווים געטהאָן ריזיגע אַרבייט אום צוזאַמענצוהאַלטען די יוניאָנס, אָנפיהרען זייערע קעמפּפע, און שטעהן אימער אויף דער וואַך צו פערטהיידיגען דורך אַזאַ אָדער אַן אַנדער וועג, די אינטערעסען פון די גענויע צוויי מיליאָן אַרבייטער, וואָס זיינען מיטגליעדער אין די פערשיעדענע „אינטערנעשאָנעלס" אָדער „פעדעראַל לאָקאַלס". עס איז דאַרום דאָ גענוג מאַטעריאַל וועגען וואָס צו שרייבען אָדער צו דערצעהלען פאַר די לעזער וועגען דער אַרבייט פון דער א. פ. אָף ל. און איהרע אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטען. איז וועגען דעם — שאַ, שטיל. נור, סמיימש, גאָמפּערס איז ניט געקומען צו דעם מאַססמיטינג, וואָס איז גערופען געוואָרען פון די ניו יאָרקער אידישע אַרבייטער וועגען אידישע גלייכבערעכטיגונג אין די מלחמה־לענדער?! ב'לעבען עס ווילט זיך לאַכען...

נור אָט איז אַן אַנדער טענה פון א „לייבאָר עדיטאָר".

„די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער אַרבייטער בעוועגונג, אין דער פאָרם פון דער א. פ. אָף ל. איז יעצט ניט און איז, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען — קיין יונגע, קרעפטיגע, רויט־בלוטיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס פיהרט אָן אין דער פולער ברייט און טיעף דעם גרויסען סאָציאַלען קאַמפּף פון דעם אַרבייטער־קלאַס. זי קאָנטראָלירט ניט א י נ ע ר ־ ל י ך די צוויי און א האַלב מיליאָן אַרבייטער, וואָס בעלאַנגען צו איהר. זי זוכט ניט פאַר זיך קיין נייע וועגען, און פיהרט זיי ניט געשלאָסען „דורך ווינד און וועטער" צו א גרויסען ציעל. זי האָט ניט קיין גרויסע ציעלען, זי איז מעהר עהנליך צו אַן אַלטען, גאַנץ גוט געאָנוילטען לאָקאָמאָטיוו וואָס קאָטשעט זיך רוהיג און לאַנגזאַם איבער די אייזענע פאַר אַלע מאָל געלייגטע רעלסען, און העכסטענס וואָס דער מאַשיניסט ווייס, איז, אַז ס'וועט זיך שוין וועגען עס איז, און ערגעץ וואו „דערקאָטשען".

מילא די גוזמאות און די מליצה זיינען מיר איהם מוחל. א „פּאָעט" איז צו אַזעלכע זאַכען בערעכטיגט... אָבער פון וואַנען ווייסט אָט דיזער „לייבאָר עדיטאָר" די פאַקטען וועגען וועלכע ער רעדט? ווייל אַראָבוואַרפענדיג די פראַזעאָלאָגיע, וועט עס פשוט מיינען, אַז די א. פ. אָף ל. טויג ניט, ווייל זי קאָנטראָלירט ניט א י נ ע ר ־

לעבען פון לאנד וועט רואינירט ווערען ווען די רעגירונג וועט זיך פערנעהמען מיט אינ־דוסטריעלע אונטערנעהמונגען. אבער דאס וואס יאהרען פון סאציאליסטישער פראפאגאנדא האט ניט געקענט איבערצייגען אונזערע מאכטהאבער, האט זיי דער איצטיגער קריעג געצוואונגען צו אנערקענען. פיעל אינדוסטריען ווערען פאקטיש פערוואלטעט פון דעם שטאאט. די וואפען־פאב־ריקאציאן, למשל, שטעהט כמעט אין גאנצען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. לויט דעם נייעם אמוניציאנס־געזעץ, ווערען זאגאר בעשטימט די פרייזען וואס מען דארף צאהלען די פאבריקאנטען פאר די וואפען.

דער ענגלישער ארבייטער מיט זיין געזונטען שכל־הישר ווייס ניט קיין קונצען: „אויב, פרעגט ער, דער שטאאט קען אנפיהרען געשעפ־טען אין איין אינדוסטרי, טא פארוואס זאל ער דאס זעלבע ניט קענען אנווענדען אויך אויף אנ־דערע אינדוסטריען? אז אזעלכע שטאאטס־אונטערנעהמונגען מוזען מיט דער צייט פיהרען צו גרויסע סאציאלע ענדערונגען קענט איהר זיך שוין אליין פארשטעלען.

איהר קאנט אבער פרעגען: ווי קומט עס, אז נאך א יאהר פון אזא שרעקליכער און צו־שטערענדער מלחמה זאל דאך אין ענגלאנד גופא דאס לעבען זיך געהן מיט איהר נארמאלען גאנג און די לאגע פונ'ם פראסטען פאלק זאל זיין נאך בעסער ווי פריהער?

ענטפערס אויף דער דאזיגער פראגע זיינען פאראן פיעל. אבער די הויפט־אורזאכען ליגען טיילווייז אין דעם ענגלישען כאראקטער גופא. איהר קאנט דעם רוהיגען, געלאסענעם ענגלענדער ניט אבשרעקען, סיידען ער האלט שוין זעהר שמאל. דער צושטאנד אין לאנד איז אבער ווייט ניט אזוי שלעכט ווי עס קאן זיך דוכטען אין אנדערע לענדער. דאס ענגלישע פאלק קאן זיך לייכט צופאסען צו א נייער סיטואציע.

* * *

וועט די איצטיגע „פראספעריטי" אין ענג־לאנד אויך אנהאלטען נאכדעם ווען דער קריעג וועט זיך ענדיגען? עס ווענדט זיך ווער עס וועט דארפען צאהלען די גרויסע קאסטען. עס איז א בעקאנטע טאטזאך, דאס די רעזולטאטען פון א מלחמה זיינען ניט אזוי שרעקליך בשעת דער קריעג קומט פאקטיש פאר, ווי נאכדעם ווי ער ענדיגט זיך. פאר די סאלדאטען אויפ'ן שלאכט־פעלד איז דער קריעג שרעקליך, אבער פאר דעם פאלק אין דער היים הויבט זיך די ווירקונג פון דעם קריעג ערשט אן צו שפירען, ווען מען דארף אויסצאהלען די מלחמה־חובות. די פינאנצען פאר דער איצטיגער מלחמה נעהמט ענגלאנד זעהר וועניג פון שטייערען און מייסטענס פון הלואות. אין פערלויף פון דעם איצטיגען קריעג וועט ענגלאנד דארפען לייהען ניט וועניגער ווי 10 ביליאן דאלאר. דער בלויזער פראצענט אויף דיזער ריזיגער סומע וועט אנטרעפען ניט וועניגער ווי 450 מיליאן דאלאר א יאהר. רעכענט צו דיזער סומע צו די פענסיעס וואס וועלען דארפען אויסגעצאהלט ווערען צו די פער־וואונדעטע סאלדאטען און צו די אלמנות פון די געפאלענע, האבען מיר א קיכאר'לן פון א יעהר־ליכער הוצאה פון ניט וועניגער ווי 650 מיליאן דאלאר — בלויז, נאטירליך, אויף צו דעקען די מלחמה־אויסגאבען.

מיר קענען ניט פאראויסזאגען וואס עס וועט זיין נאך דער מלחמה. איינס איז אבער זיכער: די אויסגערעכענטע אויסגאבען וועלען מוזען פון ערגעץ געדעקט ווערען. וואו וועט אבער זיין דער „ערגעץ"? וועט דאס גענומען ווערען פון די קארגע פערדיענסטען פון דער גרויסער פאלקס־מאסע, אדער פון די אייזערנע קאסעס פון אונ־זערע גרויסע געלד־מאגנאטען? אויב די גרויסע חובות וועלען נאכ'ן קריעג אויסגעצאהלט ווערען פון די לעצטע, דאן איז צו האפען, אז די איצ־טיגע „פראספעריטי" זאל אויך דעמאלט אנ־האלטען; אויב אבער די לאסט וועט ארויפגע־ליינט ווערען מייסטענס אויף די פלייצעס פון דעם ענגלישען ארבייטערקלאס, דארף מען ניט זיין קיין נביא פאראויסצוזעהן אזא סאציאלע איבערקעהרעניש, צו וועלכער עס וועט זיין שווער צו געפינען עפעס עהנליכעס אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע. דאס וועט ארייניטראגען אין דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס מעהר בעוואוסטזיין; עס וועט איהם אויפקלעהרען איבער זיינע אמת'ע אינטערעסען; עס וועט איהם ווייזען מיט וועמען זיינע אינ־טערעסען זיינען ניכער פערבונדען — מיט דעם גרויסען לענדלארד און קאפיטאליסט, אדער, מיט זיינע ארבייטער־ברידער, וועלכע לעבען ווי ער און האבען דיזעלבע האפנונגען און שטרעבונגען ווי ער.

אזוי צי אזוי — „קאנסיליאיישאן" פון אויבען אדער רעוואלוציע פון אונטען — נאכ'ן קריעג וועלען מיר מוזען האבען אנדערע בעדינ־

זיך די לאגע פון די ענגלישע ארבייטער בעדייטענד פערבעסערט. איהר קאנט שוין היינט זעלטען בעגעגענען יענעם טיפ געפאלענע און הילפלאזע ארעמעליים, וואס וואלגערען זיך שטענדיג ארום אין די פוסטע און פערלאזענע מקומות פון די גרויסע ענגלישע שטעדט און פערברייגען זייער גאנץ לעבען אין דחקות. הונגער און נויט. ענגלאנד געפינט זיך איצט אין א צושטאנד פון „פראספעריטי". ארבייט איז דא גענוג און אין מאנכע טריידס, איבערהויפט די וואס ארבייטען פאר דער מלחמה, פעהלען זאגאר אויסארבייטער. ניט לאנג צוריק האבען מאנכע ענגלישע פירמעס בעשלאסען אריבערצובריינגען ארבייטער פון אמעריקא. זיי אנאנסירען אין די אמעריקאנער צייטונגען און הונדערטער ארבייטער, מאשיניסטען און אייזען ארבייטער פון יעדען סארט, זיינען געקומען פון אמעריקא נאך ענגלאנד און בעקומען הויכע שכירות.

די וויידזשעס פון די ענגלישע ארבייטער זיינען היינט ניט מעהר דיזעלבע ווי פאר דער מלחמה. זיי זיינען געשטיגען פון צוואנציג ביז דרייסיג פראצענט. אין מאנכע טריידס נאך העכער. די קוילענגרעבער אין ווילס רויכערען היינט דריי־פענעדיגע (6 סענט) ציגארען אלשטאט די ליולקעס מיט דעם געוויסען ריח־ניחוח'דיגען טאבאק וואס פלעגט זיי קאסטען א האלבען סענט א טאג. אפילו דער אפיס־באי איז געווארען א גאנצער יחסן. פאר'ן קריעג האט דער בעלהבית ארויסגעהאנגען א „סיין" מיט דער אויפשריפט: „אן ע ה ר ל י ך אינגעל פערלאנגט", און ער האט זיך געקאנט אויסקלייבען דעם ערשטען און בעסטען באי פאר 10 שילינג א וואך. איצט אבער פעהלט שוין אויף די „סיינס" דער ווארט „ערליך" און די בעלי בתים זיינען צופריעדען ווען זיי בעקומען עמיצען פאר אכטצעהן שילינג א וואך.

די ענגלישע „באיס" זיינען פלוצלינג געווארען דערוואקסענע מענער. זיי טהוען דיזעלבע ארבייט ווי דערוואקסענע מענער און קריגען טאקע בעצאהלט ווי דערוואקסענע מענער. די ראזינגע שנעלע פראדוקטיווע רייפקייט פון דער ענגלישער יוגענד וועט זיך, נאטירליך, שטארק אפרופען אויף דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון לאנד. אפילו נאכדעם ווי דער קריעג וועט זיין געענדיגט.

אויך די פרויען הויבען אן פערנעהמען בײסלעבוויין א בעדייטענדען פלאץ אין דער ענגלישער אינדוסטרי. כמעט אין אלע אינדוסטריען ארבייטען פרויען אזוי גוט ווי מענער. דאס איז ניט נור דערפאר ווייל אזוי פיעל מענער ווערען אויסגע'הרג'עט אויף די שלאכטפעלדער, נור אויך דערפאר, ווייל די אינדוסטריע איז געוואקסען און ווייל די ענגלישע פרויען פיהלען, אז אויך זיי מוזען אין דער היינטיגער ערנסטער צייט ביישטייערן אויף ווי ווייט זייערע כחות טראגען צו דער אינדוסטרי פון לאנד. די סאפראדזשעטס פלעגען שטענדיג קעמפפען, אז די פרויען זאלען זיין עקאנאמיש גלייך מיט די מענער. דא איז אבער זייער־פערלאנג פלוצלינג מקוים געווארען אהן א קאמפף. איבעראל וועט איהר בעמערקען פרויען ארבייטען צוגלייך מיט מענער, און, דער עיקר — זיי בעקומען בעצאהלט גלייך מיט די מענער.

קורץ, אנשטאט די שלעכטע צייטען וואס מען האט ערווארטעט אז די מלחמה וועט בריינגען, בעמערקט זיך איבעראל א פערבעסערונג אין דער עקאנאמישער לאגע פון פאלק.

ענגלאנד ווייס, אז איהר זיג אויף די שלאכטפעלדער איז ניט נור אבהענגיג פון די סאלדאטען אין די טרענטשעס, נור אויך פון די ארבייטער אין די פאבריקען. די ענגלישע רעגיערונג זעהט דערפאר מיט אלע כוחות נאכצוקומען די פאדערונגען פון די ארגאניזירטע ארבייטער. די רעגיערונג וועט היינט ניט אזוי גרינג דורכווארפען א געזעץ־פראיעקט, וואס ווערט אריינגעטראגען פון די ארבייטער־דעפוטאטען, ווי זי האט דאס געטהאן פאר'ן קריעג. אין דער צייט פון דעם לעצטען טרייד־יוניאן קאנגרעס, וואס האט שטאטגעפונען אין בריסטאל אין סעפטעמבער, האט זיך די רעגיערונג איבערצייגט, אז אהן די ארבייטער וואלט זי ניט אימשטאנד געווען צו פיהרען דעם קריעג אפילו איין טאג. די רעגיערונג, וואס בעשטעהט כמעט דורכאויס פון דעם העכסטען ענגלישען אדעל, און וואס איז ווייט פונ'ם פאלק ווי הימעל פון דער ערד, דארף האבען די דעמאנסטראציע פון די ארגאניזירטע דריי מיליאן ארבייטער, כדי זיך צו איבערצייגען אין דער מאכט פון דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס.

דער קריעג האט אויך געגעבען ענגלאנד א לעסאן אין נייע סאציאלע עקספערימענטען. די קאפיטאליסטישע פארטייען פלעגען שטענדיג טענה'ן, אז דער שטאאט דארף אליין ניט אנפיהרען קיין געשעפטען; אז דאס עקאנאמישע

שפריט, אז די ארבייטער אין ענגלאנד האבען פיעל גע'שכור'ט און ניט געוואלט ארבייטען — קיין גרעסערע ליגענס האט דער טייפעל ניט אויסגעטראכט. ווען מען האט אויף די ארבייטער ריעזען בלבול געווארפען, האבען זיי גע־ענטפערט: „נו, וויבאלד שכרות שטעהט אין וועג, טו זאל די נאציאן איבערנעהמען די ליקער געשעפטען". מען האט דאס אבער ניט געטהאן; די געלד־זעק, וואס זייגען פעראינטערעסירט אין דיעזע געשעפטען, זיינען צו מעכטיג עס צו דער־לאזען.

די צוויי סטרייקס וואס די ארבייטער האבען געפיהרט אין פערלויף פון דער מלחמה, זיינען ענטשטאנען צוליעב די העכסטע און שעהנסטע אידעען פון פאטריאטיזם. די ארבייטער האבען דערמיט ניט ארויסגעציינט קיין וועלבסט־איני־טערעס. זיי האבען גע'טענה'ט: „אויב אונ־זער לאנד איז אין געפאהר, זיינען מיר בערייט צו געהן צו דער ארבייט, אבער מיר ווילען ניט געהן צו דער ארבייט כדי מאנכע מענשען זאלען מאכען געשוואלענע פראפיטען וויל מען נויטיגט זיך אין דער ארבייט. און דער רעזולטאט איז געווען, אז די רעגיערונג האט זיך געמוזט אריינ־מישען, איבערנעהמען די קאנטראל און בעשריינ־קען די פראפיטען פון די פראפיטען־זוכער.

די ארבייטער זיינען מרוצה צו ארבייטען און דיענען פרייוויליג. איהר, אין אמעריקא, דארפט עס וויסען. די רעגיערונג קען בעקומען און בעקומט מעהר מענשען ווי זי דארף אדער קען אויסשטאטען אום צו פיהרען די אינדר־סטריען, אבער נור אויף דעם פרייוויליגען אופן. די רעאקציאנערען פערלאנגען געצוואונגענע מי־ליטער־דיענסט, ניט פאר דער מלחמה, נור פאר די צייטען נאך דער מלחמה, כדי מען זאל קע־נען דערשטיקען די ארבייטער־ארגאניזאציאנען.

די ארגאניזירטע ארבייטער האבען גענהע־מערט די שבירות פון די סאלדאטען און די טרענטשעס. זיי האבען געצוואונגען די רעגיערונג צו פערזארגען די אלמנות און יתומים פון די וואס פערליערען זייער לעבען. זיי האבען געצוואונגען די רעגיערונג צו זעצען ארביטרייר־שאן טריבונאלען צו שליכטען סכסוכים צווישען ארבייטער און ארבייטסגעבער. און עס האלט שוין דערביי, אז די רעגיערונג האט געמוזט ערקלעהרען: „א ה ן ד י א ר ג א נ י ז י ר ט ע א ר ב י י ט ע ר ק ע נ ע ן מ י ר נ י ט א כ ג ע ה ן". זי האט געמוזט ווענדען זיך צו די ארגאניזירטע ארבייטער, אז זיי זאלען בע־איינפלוסען און ארגאניזירען דאס ארבייטער־פאלק. מיר לערנען גוטע לעקאנס פון דער מלחמה. אט איז איין לעקאן: אין אנפאנג, ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, האט מען געזאגט אז קיין מאן, פרוי אדער קינד טאר ניט זיין אין נויט. נו, אויב עס דארף אזוי זיין אין מלחמה צייט, דאן איז דאס דאפעלט נויטיג, אז עס זאל קיין נויט ניט הערשען אין פריע־דענס־צייט. מיר ווילען דיעזען לעקאן האלטען אין זינן.

דער טרייד יוניאן קאנגרעס, וואס איז דעם יאהר אבגעהאלטען געווארען אין בריסטאל, איז געווען דער גרעסטער וואס האט ווען עס איז שטאטגעפונען. 610 דעלעגאטען האבען פער־טראטען איבער 3 מיליאן ארגאניזירטע ארבייי־טער. די צוויי הויפט ענינים וואס מען האט דיסקוטירט זיינען געווען געצוואונגענע מיליטער־דיענסט און די פראגע, צו די ארבייטער דארפען זיין ארגאניזירט אויפ'ן „אינדוסטריעלען" אופן אדער דורך איינצעלנע טריידס. די נאציאנאלע יוניאן פון אייזענבאהן־ארבייטער האט פעראור־זאכט די דיסקוסיאן. ווי איהר ווייסט, ארבייטען זייערע לייטע אויף די באהנהאפען, אין די אפי־סעס און אין די באהן־שעפער, און דא און דארט געפינען זיך איינצעלנע ארבייטער וועלכע עס איז שווער צו ארגאניזירען אדער צו גרייכען. עס איז אונמעגליך פאר דער פערוואלטונג פון די אייזענבאהן קאמפאניעס אויסצוהערען די פערטרעטער פון די הונדערטע ארגאניזאציאנען. די נאציאנאלע יוניאן האט אלזא געפאדערט יוריסדיקשאן איבער אלע טריידס וואס ארבייטען ביי די אייזענבאהנען. די פראגע איז העפטיג און לאנג דעבאטירט געווארען און די „קרעפט" ארגאניזאציאנען האבען געוואונען מיט א קליי־נע מאיאריטעט. דאס הייסט אבער ניט, אז די זאך איז שוין צו ענדע.

אט זיינען מעהר איינצעלהייטען און ציפערן וועגען דער צאהל און מאכט פון די טרייד יוניאנס אין ענגלאנד. איינינע טעג איידער איך בין אוועקגעפאהרען, האב איך בעקומען די לעצ־טע רעגיערונגס־בעריכטען וועגען די יוניאנס, וועלכע זיינען רעגיסטרירט אונטער דעם טרייד־יוניאן געזעץ*). די צאהל רעגיסטרירטע יוניאנס

*) אין ענגלאנד עקזיסטירט א געזעץ פאר טרייד יוניאנס און בענעפיט סאסייטיס, וואס בעשיצט זייערע פאנדס און גיט זיי געוויסע פריווילעגיעס;

גונגען ווי פאר׳ן קריעג. צום פריהערדיגען צושטאנד וועט מען זיך שוין מעהר ניט קאנען אומקעהרען. שוין איצט בעמערקט זיך אויף אלע געביטען פון לעבען סמנים פון דער נייער צייט. אין דער ליטעראטור, אין דער פאליטיק און אין דעם גאנצען סאציאלען לעבען פון לאנד הערט מען שוין גאר אנדערע דבורים בנוגע צו די פאלקס־מאסען ווי מען האט געהערט פאר׳ן קריעג. מען רעכענט זיך שוין מעהר מיט די „נידריגערע קלאסען“, און די „נידריגערע קלאסען“ אליין הויבען שוין טאקע מעהר אן צו בעגריפען זייער מאכט — זייער מאכט, ניט נור בשעת א פאליטישען קעמפיין, נור אויך אין דעם טאג־טעגליכען פאליטישען און סאציאלען לעבען פון ענגלאנד. די „רעמאקראטיע“ האט שוין אויפגעהערט צו זיין א פילקע מיט וועלכע עס שפיעלען זיך אונזערע גרויסע פאליטישע פארטייען. זי איז שוין געווארען א רעאלע מאכט מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען אין דער אויסערליכער אזוי גוט ווי אין דער אינערליכער פאליטיק פון לאנד.

און אט דער קריעג, וואס האט אזוי פיעל צושטערט, וואס האט אזוי פיעל יונגע און געזונטע לעבענס אומגעבראכט, וועט נאך אפשר זיין דער אנהויב פון א בעסערער וועלט.

# די טרייד יוניאנס אין ענגלאנד אין צייט פון מלחמה

א בריעפליכער גרוס מעבר לים. — פאקטען און ציפערען וועגען דעם צושטאנד און מתפשטקייט פון די ארגאניזירטע ארבייטער אין ענגלאנד. — די ארבייטער פון דער וועלט האבען זיך ניט וואס צו קריגען; ווי האבען אלע איין שונא — דאס ארגאניזירטע קאפיטאל. די גלענצענדע רעדע פון דושיי. אטמאן, איינער פון די פראטוירנאל דעלעגאטען פון ענגלאנד ביי דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אף ל. אין סען־פראנציסקא.

איך ברייננ אייך א גרוס פון אייערע ברידער אויף דער אנדער זייט ים אלס דער פערטרעטער פון דעם בריטישען טרייד־יוניאן קאנגרעס. פאהרענדיג איבער אייער גרויסע לאנד און בעטראכטענדיג אזעלכע וואונדערבארע שטעדט ווי דענווער און סאלט־לייק סיטי, וועלכע זיינען געבויט צווישען *מדבריות*; בעטראכטענדיג די שטאדט וואו מיר געפינען זיך איצט, וועלכע איז מיט יאהרען צוריק כמעט ווי אבגעווישט געווארען דורך א שרעקליכע ערד־ציטערניס און זעהט איצט אויס שעהנער און ברייטער און פריהער — דער געדאנק וועגען רייזע וואונדער דערמאנט מיר, אז אהן דעם ארבייטער׳ס געשיקטע האנד און מוח וואלטען זיי ניט עקזיסטירט. די ארבייטער פון רייזען לאנד און אנדערע לענדער זייגען די רוכטיגע בורזלייטע פון דער געזעלשאפט. זיי וועלען מיט דער צייט מארעלירען די געזעלשאפט. אין די הענד פון די ארבייטער, מענער און פרויען, ליגט דאס צוקינפטיגע שיקזאל פון דער גאנצער וועלט.

איך האב געהערט בעמערקען, אז איהר האט הייאהר ניט ערווארטעט קיין פערטרעטער פון גרויס־בריטאניען. נו, וויל איך זאגען, אז עס איז נאך קיינמאל אין דער היסטאריע פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט ניט געוועזען נויטיגער, דאס א „פראטוירנאל דעלעגאט“ זאל קומען פון איין לאנד אין א צווייטער. יעצט, ווען נאציאנען פיהרען קריעג, און די געזאנדטע פון די קריעגס־פעלקער זייגען אין נייטראלע לענדער — ווארום דארף צווישען די ארבייטער *זיין קריעג? איך זעה ניט איין ווארום* די פערטרעטער פון די ארבייטער אין דייטשלאנד, עסטרייך, פראנקרייך און אלע לענדער זאלען איצט ניט זיין פערזאמעלט אויף דיעזער פלאטפארמע אין א נייטראל לאנד.

איך וויל שטארק בעטאנען, אז וואס די אורזאכען וועלכע שיידען אונז היינט פאנאנדער זאלען ניט זיין — די ענגלישע ארבייטער, ווי די ארבייטער פון אלע לענדער, האבען זיך ניט אייבער וואס צו קריעגען. די זעלבע כחות וואס ווירקען איב׳ם אלטען לאנד, ווירקען אויך אין אמעריקא. עס איז נויטיג אבצולייקענען די פאלשע בעריכטען וואס מען האט פערשפרייט צווישען אייך. די מענשען וואס בעריידען און בעשמוצען די ארבייטער־זאך, ווייסען ניט פון קיין געאגראפישע גרעניצען אדער בעזונדערע ראסען; מען געפינט זיי אין אמעריקא, ענגלאנד, דייטשלאנד — אויף דער גאנצער וועלט. די בעריכטען וואס מען האט דא ביי אייך פער־

מען האָט בעדאַרפט די מלחמה צו איבערצייגען אונזערע הערשער דעם אמת פון די אירדען נואָס מיר האָבען פּראָפּאַגאַנדירט זייט יאָהרען. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, זיינען די אייזענבאַהנען, למשל, איבערגעגאַנגען צו דער נאַציאָן מיט א שטריך פון א פעדער. פריהער האָט מען דאָס געהאַלטען פאַר אן אונמעגליכקייט. וואָפען־פאַבריקען, וועלכע זיינען פריהער געוועזען קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלען, זיינען געוואָרען נאַציאָנאַליזירט. דאָס בעסטע פון אַלץ, די היילונגס־קונסט, די מעדיצין, וואָס איז געווען א פּראָפעסיאָן נאָך אין מיטעלאַלטער, איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרען און ווערט פערוואַלטעט פון שטאַאט. די היסטאָריע לערענט אונז, אז יעדע אונטערנעהמונג וואָס נעהמט איבער צום שטאַאט און האָט פאַר דער נאַציאָן א ווערטה, ווערט קיינמאָל ניט אומגעקעהרט צו די פּריוואַטע אונטערנעהמער. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער וועלען מוזען אויפנעהמען א גרויסען קאַמפּף, אז מען זאָל דיזע אונטערנעהמונגען ניט אומקעהרען צו פּריוואַטע הענד, נור אז זיי זאָלען פערוואַלטעט ווערען אין די אינטערעסען און פאַר דעם נוצען פון דעם גאַנצען פאָלק.

מיין מיינונג איז ,אז די אַמעריקאַנער אַרבייטער דאַרפען שטעהן אויף דער וואַך און זעהן פערהיטען, אז זיי זאָלען ניט אריינגעריסען ווערען אין דער זעלבער קריעגס־בהלה ווי די אַרבייטער אין אייראָפּא. איהר דאַרפט האַלטען אן אָפען אויג, א פעסטע האַנד און א קלאָרען מוח צו פערהיטען, אז די פינסטערע כחות וואָס האָבען אונז צוטהיילט אין אייראָפּא, זאָלען אייך אין אַמעריקא ניט צוטהיילען. ווייל מיר, אויף דער אַנדער זייט ים, נויטיגען זיך אין אייער הילף. אונגליקליכערווייזע האָט דאָס פאָלק אין פערגאַנגענע צייטען ניט אָפט געקענט בעזייטיגען די אינטריגעס פון דיפּלאָמאַטען און פּאָליטיקער.

מיט איניגע טעג צוריק האָב איך אין איינע פון אייערע ביבליאָטעקען געלעזען די לעבענסבעשרייבונג פון דזשאָהן בראַיט*). עס ווערט דאָרט דערמאָנט, דאָס בשעת אייער גרויסען בירגערקריעג צווישען נאָרטה און סאַוטה, ווען די נאָרטה האָט ניט אריין אָדער ארויס געלאָזען קיין סחורה פון די האַפּענס פון דער סאַוטה, זיינען די איינוואָהנער פון אונזער לאַנד — די אַרבייטער פון לאַנקאַשייר, פון מאַנטשעסטער, און אַנדערע שטעט וואָס האַנדלען מיט באַוול — געווען אין גרויס נויט. מיר זיינען אַלע ווי רינגען פון א קייט, אבהענגיג איינער פון'ם אַנדערען. די פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטען און הערשער האָבען דאַן געזאָגט: „איצט, בשעת אַמעריקא איז צוטהיילט, האָבען מיר א גוטע געלעגענהייט. לאָמיר זיך אריינמישען און קריגען וואָס מיר ווילען“. אָבער דאָס פאָלק פון מאַנטשעסטער, 320 טויזענד שטאַרק, מיט דזשאָהן בראַיט אַלס פיהרער — דאָס פאָלק וואָס האָט צוליעב דעם קריעג געליטען — האָט געזאָגט: „ניין, אין דעם נאָמען פון דעמאָקראַטיע וועלען מיר אייך דאָס ניט ערלויבען. מיר וועלען ליעבער הונגערען, איידער איהר זאָלט זיך פערטשעפּען מיט א פאָלק וואָס קעמפּפט פאַר פרייהייט“.

און מיט אַלע איהרע פעהלערען און פערברעכענס אין וועלכע מען בעשולדיגט איהר, האָט דאָס לאַנד פון וואַנען איך קום, פאָרט געוואונען גרויסע פרייהייט פאַר דער וועלט. איך וואָלט ניט זיין מענשליך ווען איך וואָלט דאָס ניט אָנערקענט. אָבער טראָצדעם, וויל איך איהר זאָלט מיר גלויבען, אז מיין האַרץ פיהלט פאַר דעם אַרבייטער פאָלק פון דער גאַנצער וועלט, ניט קוקענדיג אויף גרעניצען אָדער שפּראַכען. איך האָף און וואַרט אויף דער צייט ווען מיר וועלען זיך ווידער צונויפקומען, קאָנפערירען וועגען אונזערע אַלגעמיינע שוועריגקייטען, אַרומרעדען פּלענער ווי צו פערווירקליכען אונזערע אַלגעמיינע אידעאַלען, דריקען איינע די אַנדערע די הענד, אריינקוקען איינע די אַנדערע אין די אויגען און דיינקען זיך, וואָס פאַר א גרויסער פעהלער עס איז געווען פון אונזער זייט; דיינקען זיך, אז מיר זיינען דאָך פאָרט אַלע ברידער, און אז אונטער דעם פאַלשען גלאַנץ פון דער זאָ־גענאַנטער ציוויליזאַציאָן; אונטער דער משונעת און דעם עלענד וואָס רינגלען אונז איצט אַרום, קלאַפּען נאָך אונזערע הערצער מיט האָפנונג, מיט אונפערלאָשענעם גלויבען, מיט אונבעזיעגטען קוראַזש. אז מיר וועלען נאָך אַלע געהן פאָרווערטס צו פערווירקלי־

---

*) א בעריהמטער רעדנער און פּאָליטיקער אין ענגלאַנד, וועלכער האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט און האָט געהאָלפען אָבשאַפען „פּראָטעקשאָן“ און איינפיהרען פרייען האַנדעל.

איז 696 און 655 פון דיזע האָבען אריינגע־שיקט אָפיציעלע בעריכטען, וואָס ציינען, אַז זיי פערטרעטען אַ סך הכל פון 3.600.000 מעמ־בערס. מען קען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז עס געפינען זיך אין לאַנד וועניגסטענס 4 מיליאָן אָרגאַניזירטע ארבייטער — אַ צעהנטעל פון דער בעפעלקערונג. זייערע פאָנדס האָבען זיך דיזען יאָהר פערגרעסערט מיט 4 מיליאָן דאָלאַר. דער סך הכל פון זייערע פאָנדס איז 32½ מיליאָן דאָלאַר. אין פערלויף פון דעם יאָהר איז זייער הכנסה געוועזען 23 מיליאָן דאָלאַר. זיי האָבען אויסגעצאָהלט אין ארבייטסלאָזען בענעפיט 2½ מיליאָן דאָלאַר; סטרייק־בענעפיט און אַנ־דערע הוצאות — צוויי מיליאָן 300 טויזענד דאָלאַר; קראַנקען און צופאַל־בענעפיט — 3½ מיליאָן דאָלאַר. אַנדערע אויסגאַבען — 2½ מיליאָן דאָלאַר. זיי זיינען פעסט בעגרינדעט און, גלויבט מיר, זיי זיינען פאַר די ארבייטער אַ נויטווענדיגקייט, ווייל אין די קומענדע יאָה־רען וועט די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט און איהרע פאָנדס, אין אַלע לענדער, געשטעלט ווע־רען צו אַ שטאַרקע פּראָבע.

בשעת די מלחמה געהט אָן, ווען די גאַנצע וועלט שיינט צו זיין משוגע, איז נוט אַז מיר זאָלען זיך צונויפקומען אין קאָנווענשאָנס און אַז אונזערע דיינקענדע מענער און פרויען זאָלען אויפמערקזאַם בעטראַכטען געוויסע פּראָבלעמען וואָס זיינען וויכטיגער פאַר דער צוקונפט ווי די פערוויסטענדע מלחמה. די מלחמה צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט געהט אָן אָהן אַן אויפ־הער, און לאָמיר דיזען פאַקט ניט אַרויסלאָזען פון געדאַנק: מיינע קאַמעראַדען, איך וויל צו אייך אַפּעלירען: הגם מיר זיינען פאַר אַ צייט אָבגעזונדערט, לאָמיר פאַר קיין פאַל ניט ערלויבען, אַז דאָס ליכט פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַל זאָל אויסגעהן; אויב מיר ווילען אַז אונ־זערע אָרגאַניזאַציאָנען זאָלען לעבען, מוזען מיר זעהן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל לעבען.

אגב וויל איך דאָ זאָגען אַ לויב וואָרט צום אַנדענקען פון איינעם, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בע־וועגונג. עס האָט איהם געשיינט, אַז די אינ־טערנאַציאָנאַלע ארבייטער בעוועגונג צופאַ[illegible] אָט דאָס האָט זיין טויט פעראורזאַכט. איך מיין אונזער אונפערגעסליכען קיער האַרדי. עס איז ניטאָ אַ זאַך אין לעבען וואָס איך שעץ מעהר ווי דעם־פאַקט, אַז איך בין געוועזען נאָהענט בע־פריינדעט מיט קיער האַרדי. קיין מענש איז ניט אַזוי פיעל פערלוימדעט געוואָרען, דאָך איז קיי־נער ניט געוועזען אַזוי טריי, צו דעם אידעאַל פון דעם ארבייטער קלאַס; קיינער האָט ניט גע־האַלטען זיין גלויבען אַזוי ריין. עס איז גאָר ניטאָ דער פּרייז אין דער וועלט מיט וועלכען מען וואָלט געקענט קיער האַרדי'ן אָבקויפען. זיין זכרון וועט אימער בלייבען פריש און גרין, וועניגסטענס ביי די ארבייטער. ער איז געוועזען אַ מענש, וואָס פלעגט מאַרשירען מיט זיין ברוסט פאָרווערטס, מיט זיין פּנים צום שונא, קעמפפענ־דיג פאַר ארבייטער און אַלע אונטערדריקטע.

לאָמיר האַלטען אין זינען די מלחמה מיט וועלכער מיר זיינען אימער בעשעפטיגט. אונ־זער שונא — דאָס אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַל — ווייסט ניט פון קיין געפיהל, ווייסט ניט פון קיין שום געאָגראַפישע גרעניצען אָדער ראַסען־אונטערשיעד; הגם ער ווייסט אַז ער קען די זאַכען אויסנוצען אַלס אַ מיטעל פאַנאַנדערצו־טהיילען די ארבייטער אויב עס פּאַסט איהם אַזוי. מיר דאַרפען אָבער זעהן, אַז אונטער קיינע אומשטענדען און קיינע בעדינגונגען זאָלען מיר איהם מעהר ניט ערלויבען צו שטעלען אונז אין קאַמפּף איינער געגען דעם אַנדערען. ווי לאַנג וועט דויערען ביז די ארבייטער פון דער וועלט וועלען בעגרייפען, אַז עס איז צווישען זיי ניטאָ קיין שום אונטערשיעד? מיר זיינען אַלע פון איין פלייש און בלוט; מיר קעמפפען אַלע פאַר איין ציעל. מיר האָבען אַלע די זעלבע אידעאַ־לען און די זעלבע שטרעבונגען. וואָרום זאָלען מיר ניט אָנשטריינגען זיך צו בעזייטיגען די, וואָס ווילען אונז פאַנאַנדערטהיילען? וואָרום זאָלען מיר ניט

נו די ליבען איך ערהויבען,
אין אַ גרויסע, שטאַרקע צאָהל,
שקלאַפען קייטען צו צוברעכען
און ניט שלאָפען ווי אַמאָל,
מיר — די מאַסע, זיי — די קלאַסע —
אונז'רע שונאים מוז פערטרייבען
און אונבעזיעגבאַר אימער בלייבען.

די יוניאָנס קענען זיך אין געוויסע פעלע ווענדען אין קאָורטס געגען איינצעלנע מעמבערס און אַנדערע וואָס מהוען זיי פינאַנציעלען שאַדען. אונטער דיזע־זען געזעץ מוזען זיי פאָרלעגען פאַר דעם גענעראַל רעגיסטראַר, וואָס איז אָנגעשטעלט פון דער רעגיע־רונג, זייערע געדרוקטע „רולס און רעגולייש[אַ]נס" און אַ יעהרליכען פינאַנציעלען רעכענונג. יוניאָנס זיינען ניט מחויב צו זיין רעגיסטרירט, אָבער די מייסטע מהוען עס פאַר אייגענער טובה.—רעד.).

זיך אבער אויסגעלאזען גאנץ אנדערש ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט. די מאנופעקטשורערס האבען אויסגענוצט א גינסטיגע צייט און געמאכט א לאקאוט און נאך א קאמפף פון 12 וואכען האבען מיר זיך געמוזט אומקעהרען צו דער ארבייט אהן א יוניאן.

דיעזער צושטאנד האט אנגעהאלטען 7 יאהר. פון ניו יארק האבען מיר קיין פרעהליכע נייעס נים געהערט. דאך, מיט דער הילף פון עטליכע ענטוזיאסטען האבען מיר אין 1910 בעקומען פרישען מוטה און זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט פון ארגאניזירען די קלאוקמאכער. דאס וואס מיר האבען געחלומ'ט מיט יאהרען צוריק איז איצט פערווירקליכט געווארען. און מיט א יאהר שפעטער, ווען די אינטערנעשאנעל האט אנגעפיהרט דעם בעריהמטען סטרייק אין קליוולענד, האבען אונזערע לאקאלס געצעהלט 18 הונדערט מעמבערס.

טראצדעם איז אונזער ביטערע ערפאהרונג נאך נישט געווען פאראיבער. די דזשאינט באארד האט דאן אנגעפיהרט א סטרייק ביי פאלמערס, איינע פון די גרעסטע פירמעס אין שיקאגא. מיר האבען זיך צופיעל פערלאזט אויף איינענע קרעפטען און נאך 2 מאנאטען צייט איז דער סטרייק אויפגעגעבען געווארען, די יוניאן איז אבגעשוואכט געווארען און איז געבליבען מיט אן ערך 300 מעמבערס.

די אינטערנעשאנעל איז אונז געקומען צו הילף פינאנציעל און האט אנגעשטעלט ברודער פלאקאוו אלס ארגאנייזער. מיר זיינען ווידער געווארען ביזי און ווייטער זיך בעפעסטיגט. עס האבען זיך אבער ענטוויקעלט אינערליכע רייבערייען און שטריידענדע צרדים. פערשטעהט זיך, אז די יוניאן האט דערפון געליטען, ווייל די קלאוקמאכער האבען צוליעב דעם פערלארען זייער צוטרויען צו איהר.

דיעזע אלע צרות האבען אונז בעוויזען, אז מען מוז אויפהאלטען די יוניאן מיט איינגעהאלטענקייט און טאקט. די אפיסערס האבען צוזאמענגערופען די נעהענטערע מענשען און זיך מיט זיי בעראטהען ווי אזוי אויפצובויען א שטארקע ארגאניזאציאן, און אלע זיינען געקומען צום שלום, אז די קלאוקמאכער וועלען דאס מאל נישט אריינקומען אין דער יוניאן, סיידען מען וועט פאר זיי פארלעגען א קלארע אישו — די פראגע פון א דזשענעראל סטרייק אום צו קריגען א קאלעקטיווען אגרימענט.

מיר זיינען געגאנגען צו די קלאוקמאכער מיט דיעזען מיטעל און אנגעפאנגען אונזער אגיטאציאן. מיר האבען פערלאנגט פון דער אינטערנעשאנעל, אז זי זאל זיך אינטערעסירען מיט אונז און געבען איהר צושטימונג. באלד דערויף איז געקומען ברודער זיגמאן און נאכהער ברודער שלעזינגער און עס האט זיך אנגעהויבען רודערען אין שטעדטעל. די שטאדט איז פערפלייצט געווארען מיט טויזענדער ליפלעטס און די טאגעס־פראגע איז געווען: דזשענעראל סטרייק און קאלעקטיווער אגרימענט.

ווען די אינטערנעשאנעל האט אבגעהאלטען איהר פיערטעל־יעהרליכען מיטינג אין שיקאגא, האט לאקאל 44 געהאט 450 מעמבערס, לאקאל 81—75 מעמבערס און לאקאל 18—150 מעמבערס. אונזער ריכטיגער קעמפיין האט זיך אנגעפאנגען מיט א גרויסען מאסס־מיטינג, אויף וועלכען די גאנצע דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז געווען אנוועזענד. דיעזער רוף פון דער יוניאן צו די קלאוקמאכער דורך די אינטערנעשאנעל אפיסערס האט גלייך גענומען ווירקען. מיר האבען גענומען פיהרען איינצעלנע שאפסטרייקס מיט ערפאלג. דאס האט נאך מעהר בעגייסטערט די מעמבערס און די ארבייטער פון טרייד. און ווען ברודער שלעזינגער איז צו אונז געקומען אין סעפטעמבער, האט ער שוין געטראפען א גאנץ שטארקע בעוועגונג.

מיר האבען גענומען אויסארבייטען אונזערע פלענער פאר א דזשענעראל סטרייק. וועהענדיג, אז מיר מיינען גאנץ ערנסט און מאכען טאקע אלע פארבערייטונגען, האבען די באסעס איינגעשטימט צו געהן צו ארביטרייישאן און מיר האבען בעקומען א צימליך גוטע ענטשיידונג צו גונסטען דער יוניאן. אבער עס נעהמט צייט ביז מען געוואוינט זיך צו צו א נייע זאך און עס קומט אן נים לייכט צו מאכען די בעלי בתים און ארבייטער פערשטעהן דעם נייעם אגרימענט. אין 6 וואכען צייט אויפצוקלעהרען און האלטען דריי טויזענד מענשען אונטער יוניאן קאנטראל, איז א גרויסע אויפגאבע, בפרט נאך ווען דער סיזאן איז נישט קיין גוטער.

צוליעב דעם שלעכטען סיזאן איז די "באנדעל"־פראגע שנעל ארויפגעשוואומען, און איינינע האבען גענומען גראמבלען, אז דער אגרימענט טויג נישט. דאך גיט אונז דער אגרימענט די מעגליכקייט צו קאנטראלירען דריי טויזענד מעמבערס. די הויפט־פראגע וואס דער אגרי־

בען די אידעאלען פון מענשליכקייט. און אמע־ריקא — מיר ווילען אז איהר זאלט זיין אין דעם —

„ווען מען וועט איינשטילען די קריעגס־פייקען
און צונויפוויקלען די פאהנען" —

ווען די צייט וועט קומען זיך אוועקצוזעצען טראכטען פריעדענס־פלענער, טארען מיר עס ניט איבערלאזען צו די פאליטישענס; מיר טארען זיך ניט פערלאזען אויף די דיפלאמאטען. די ארבייטערשאפט מוז דארט זיין פערטראטען; די ארגאניזירטע ארבייטער מוזען פאדערען און האבען א דעה אין די קאנפערענצען און ארגו־מענטען און זעהן צו געפינען א מיטעל, אז אין דער צוקונפט זאל אזא משוגעת, אזא פערברע־כערישע ווילדקייט זיין אונמעגליך. אמעריקא— איהר זיינט אם פלאץ צו ראטהען, צו העלפען, צו פיהרען אויף דעם וועג! איהר מוזט דאס טהאן, מיר אפעלירען צו אייך!

מיר האבען קיין צווייפעל, אז אין די אנדערע לענדער פון וועלכע מיר קענען ניט הערען, ווי־נען אויך דא מענשען וואס זיינען פערטרויערט, וועמעס הארץ טהוט וועה, וועלכע בעגרייפען, אז אט דיעזע שוידערליכע ארבייט מוז געענדיגט ווערען, אבער זיי לעכצען נאך פריעדען, האר־מאני און גענאסענשאפטליכקייט; זיי האפען, אז מיר וועלען זיך ווידער פערזאמלען אויף אונזערע אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען און פארמעסטען דאס שיקזאל פון מענשען און נא־ציאנען; אז די לעסאנס וואס מיר לערנען און האבען געלערנט, זאלען זיך טיעף איינדריקען אויף אונזערע הערצער און געוויסען, און מיר זאלען זיין אימשטאנד צו זאגען: „ניט מעהר זאל עס מעגליך זיין! ניט מעהר זאל ציוויליזא־ציע, מענשליכקייט, אונזער אינטערנאציאנאל בעליידיגט און געשענדעט ווערען דורך אזא טראגישען שוישפיעל".

# די ווירקונג פון דעם נייעם אגרימענט אויף די קלאוקמאכער אין שיקאגא

ווען מען וואלט אונז פארגעשטעלט מיט 6 מאנאטען צוריק, אז מיר, שיקאגא'ער קלאוקמא־כער, וועלען איצט ארבייטען אונטער אן אגרי־מענט און האבען א יוניאן פון 3 טויזענד מעמ־בערס, וואלטען מיר געלאכט און געהאלטען עס פאר אן אונמעגליכקייט. איצט איז עס א פאקט. בעפאר מיר וועלען זעהן ווי אזוי דער אגרימענט ארבייט, לאמיר בעקענען די לעזער מיט דער פערגאנגענהייט פון די שיקאגא'ער קלאוקמאכער.

אייגענטליך איז דאס ניט דער ערשטער אגרימענט פאר אונזערע קלאוקמאכער. זיי האַ־בען שוין געהאט שטארקע יוניאנס און דזשענע־ראל סטרייקס נאך מיט 22 יאהר צוריק. נישט איין סטרייק האבען זיי געוואונען און פערלארען און דערמיט אויך אלע מאל פערלארען די יוניאן. זיי האבען אויך געארבייט אונטער אן אגרימענט א גאנץ יאהר צייט מיט ברודער שלעזינגער אלס ביזנעס אייזשענט, און אויך דאן פערלארען דעם אגרימענט צוזאמען מיט דער יוניאן.

אין יענער צייט, פונקט ווי היינט, האט שי־קאגא זיך געמוזט רעכענען מיט דעם דאמאלסדי־גען „דיוויזשיאן סטריט" פון ניו יארק. אויך דאן האבען די מאנופעקטשורערס גע'טענה'ט: „ווי קענען מיר אייך צאהלען גרעסערע פרייזען, ווען מיר קויפען אין דיוויזשיאן סטריט ביליגער?" דער אונטערשיעד פון דאן ביז היינט איז דיע־זער: דאמאלס איז ניו יארק ניט געווען אר־גאניזירט, און קלאוקמאכער האבען איינגעזעהן, אז די מאנופעקטשורער'ס טענה איז א גערעכטע. האבען מיר דאמאלס גענומען זארגען ווי צו ארגאניזירען ניו יארק.

דער רעזולטאט איז געווען, אז מיר האבען געשיקט איינינע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל, וואס איז דאן אבגע־האלטען געווארען אין קליוולענד (1903). מיר האבען געהאט מעהר דעלעגאטען ווי די ניו יאר־קער לאקאלס און ברודער שלעזינגער איז ער־וועהלט געווארען אלס פרעזידענט. מיר האבען זיך געפרעהט, אז דורך איינעם פון אונזערע וועט ניו יארק ווערען ארגאניזירט און מיר ווע־לען נישט ליידען אזוי פיעל פון דער קאנקורענץ. מיר האבען געדיינקט, אז מיר האבען שוין אונ־זער טהייל ארבייט אבגעטהאן און זיינען געווען זיכער, אז די שיקאגא'ער קלאוקמאכער וועלען בעקומען בעסערע פרייזען און אונזער אגרימענט וועט אויף דאס ניי געסיינט ווערען. עס האט

האבען א קליינע „יונקע" (יוניאן), „א בייטש אויפ'ן באס" און א פרייע האנד אין שאפ.

מיר זיינען אבער זיכער, אז די מאיאריטעט מעמבערס וועלען זיך נישט לאזען בעאיינפלוסען פון דער קליינער מינאריטעט. די מייסטע ארבייטער וויסען, אז די יוניאן טהוט פאר דעם טרייד זעהר פיעל. די פיעלע דיספיוטס וואס זיינען אויסגעגליכט געווארען און די פיעלע „ריאינסטייטמענטס" האט די יוניאן דורכגעפיהרט נור דערפאר ווייל מיר האבען אן אגרימענט און קענען זיך דינגען און אויס'טענה'ן און נישט זיין אין געפאהר צו ווערען אוועקגעשיקט. וויפיעל איז דאס ווערטה צו קענען פאדערן א גלייכען חלק ארבייט און עס טאקע קריגען אויך? די מאססע ארבייטער וואס געניסען דיזע בענעפיט, האפען אז מיר וועלען אנהאלטען דעם אגרימענט וואס גיט אונז א מעגליכקייט צו פערענטפערן די פראבלעמען פון דריי טויזענד מיטגליעדער.

פ. פינקלער.

---

# נייעס פון דא און דארט

## זייסט און דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 25.

### בר. באראף ווערט פרעזענטירט מיט א לאווינג קאפ און גאלדענעם זייגער.

ביי דעם מיטינג פון לאקאל עקזעקוטיוו באארד, וואס איז אבגעהאלטען געווארען דיענסטאג, דעם 16טען נאוועמבער, האט די קאמיטע וואס איז ערוועהלט געווארען פון לאקאל 25 אויסצודריקען אנערקענונג און דאנקבארקייט צו בר. באראף, איינגעטראגען פאלגענדע רעזאלוציאן:

„נעהמענדיג אין אנבעטראכט,

אז אונזער בעליעבטער ברודער און חבר אברהם באראף איז בעהרט געווארען צו ווערען ערוועהלט אלס גענעראל סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן;

אז פאר די לעצטע זיעבען יאהר האט ער אונז טריי געדיענט אלס ביזנעס אידזשענט און מענעדזשער פון אונזער יוניאן;

אז ברודער באראף האט זיך בעליעבט געמאכט ביי זיינע קאלעגען און ביי אלעמען, מיט וועמען ער איז געקומען אין בעריהרונג, ווי אויך ביי אונזערע מיטגליעדער אין אלגעמיין;

אז בעדויערענדיג פון טיעפסטען הארצען, וואס ער צושיידט זיך מיט אונזער ארגאניזאציאן, פיהלען מיר אבער, אז ער וועט אין זיין נייעם אמט זיין אזוי העכסט ניצליך פאר די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנעל יוניאן, ווי ער איז עס געוועזען פאר אונז, און ווינשען איהם דעריבער דעם גרעסטען ערפאלג אין זיין נייעם אמט;

זיי עס בעשלאסען, אז מיר, די עקזעקוטיוו באארד פון די לידיס וועיסט און דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 25, א. ל. ג. וו. י., זאלען פרעזענטירען אונזער חבר אברהם באראף מיט א לאווינג קאפ און גאלדענעם זייגער אלס אויסדרוק פון אכטונג, ליעבע און אנערקענונג פיר זיין גלענצענדער ארבייט, כדי דער פרעזענט זאל איהם דיענען אלס זיסע עראינערונג וועגען זיין פערבינדונג מיט אונזער יוניאן.

רעזאלוציאנס קאמיטע:

ס. ויידמאן, דזש. צימערמאן, ה. ליבערמאן,
ס. היימאן, מ. ווינטשעווסקי, ל. אנטאניני,
מש. רזשייקאבסאן".

די רעזאלוציאן איז אנגענומען געווארען איינשטימיג מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג. ברודער רזשייקאבסאן האט דאן איבערגעגעבען ברודער באראף'ן, וועלכער איז צופעליג געקומען אויפ'ן מיטינג, דעם פרעזענט, און אלע פערזאמעלטע האבען באראפ'ן געמאכט א שטורמישע אוואציע. ברודער באראף האט אין א הארציגער רעדע בעדאנקט די עקזעקוטיוו באארד און אויפגעפאדערט אלע אנוועזענדע, אז זיי זאלען אלע מאל אנערקענען די ארבייט פון זייערע חברים, דאס וועט יענע צוגעבען מוט און ענערגיע, און ניט בלויז ווען איינער פערלאזט די יוניאן. די אנערקענונג דארף זיך אויסדריקען ניט בלויז אין פרעזענטען, נור אין שטענדיגער פאלשטענדיגער הארמאניע, אין ליעבע און רעספעקט פון איינעם צום צווייטען.

---

### ווי באסטאן האט בעגריסט אונזערע בעפריימע.

ברודער א. ראזענבערג שרייבט פון באסטאן:

„איהר זייט געוויס נייגעריג צו וויסען ווי אזוי באסטאן האט בעגעגנט זיגמאנ'ען און

מענט האט פערענטפערט אין די גלייכע צוטהיילונג פון דער ארבייט. מען דארף נור פערגלייכען דאס סיסטעם וואס הערשט איצט אין די שעפער מיט דער אמאליגער ארדנונג.

דאס לעצטע יאהר האבען מיר געהאט ארום 10 יוניאן שעפער. פערשטעהט זיך, אז מיט 10 שעפער קען מען קיין טרייד ניט קאנטראלירען. מיר האבען אבער איבער זיי געהאט א דעה צו זאגען, און אט הערט און שטוינט, ווי דאס סיסטעם האט געארבייט.

אין יעדען פון דיעזע זאגענאנטע יוניאן־שעפער איז געזעסען א קלאס ארבייטער, וואס ביי זיי איז איממער אריין די ברכה אין די ביכלאך, און זיי זיינען געווען די טאנגעבער אין שאפ און די מאכערס אין יוניאן. זייער טעאריע איז איממער געווען, אז א יוניאן איז טאקע גוט; דאס הייסט אויף זייער אויסדרוק, אז מען דארף האבען „א בייטש אויפ'ן באס". פערשטעהט זיך, אז אזא קלאס ארבייטער איז נישט בעגייסטערט פאר א גרויסע יוניאן און פאר א באארד און ארביטריישאן געווים ניט. זיי זיינען דאך פריהער געווען באפעסטיגט אין זייערע שעפער, און וואס עס איז אבגעפאלען פון זיי, האבען בעקומען די שוואכערע ארבייטער — דאס הייסט, די ארביימער, וואס האבען נישט געהאט דאס מזל צו בעלאנגען צו זייער קלאס; שטילע מענשען, וואס האבען געלאזט טרעטען אויף זיך און זיינען שלעכט בעהאנדעלט געווארען פון די פארלייטע. די „מזרח־וואנד אידען" פלעגען זיי שיקען אין דער יוניאן פראטעסטירען, אבער אויף מארגען איז געווען דאס זעלבע. דיעזע יוניאן־לייט, וואס האבען מיט זיך פארגעשטעלט די גרויסע מאיאריטעט, האבען געמוזט ליידען צו ענדע פון יעדען סיזאן און ווארטען א גאנץ לאנגע צייט פון איין סיזאן ביז'ן צווייטען. זיי זיינען געווען מאכטלאז. קיין סטרייקס האט מען פאר זיי נישט געקענט רופען. ווייל ווער וועט עס סטרייקען אין סלעק־צייט? און די עטליכע „מזרח־וואנד אידען" פלעגען שוין זעהן, אז עס זאל צו קיין סטרייק נישט קומען.

פערשטעהט זיך, אז אן ענבלמער אויף דיעזע צרות איז געקומען נור דורך דעם איצטיגען אגריימענט. דאס פראבלעם איז נאך נישט אין גאנצען געלייזט, אבער דער אגרימענט האט פיעל געהאלפען די מאכטלאזע מענשען. עס האט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו פארערן א גלייכע צוטהיילונג פון דער אבבייט. לאמיר זעהן, ווי עס האט געארבייט לעצטען סיזאן אהן אן אגריימענט.

עס איז א פאקט, אז לעצטען סיזאן איז געווען מעהר ארבייט ווי דיעזען סיזאן. ווי זשע קומט עס, וואס מיר האבען דאן געהאט מעהר ליידיגגעהער ווי היינטיגען סיזאן מיט ווייניגער ארבייט? דאס איז דערפאר, וואס די שטונדען זיינען פערקירצט געווארען; וואס „אווערטיים" איז ערלויבט נור 12 שטונדען א וואך און נור דאן, ווען עס נישטא מעהר אין שאפ קיין ליידיגער פלאץ; וואס זונטאג איז פערבאטען צו ארבייטען. אונזער אויפפאסען אויף דיעזע רולס האט געגעבען א מעגליכקייט אנצופילען די שעפער מיט ארבייטע... פיעלע בא־עס האבען מיט'ן גוטען ווילען געלאזט דעם נייעם סיסטעם איינפיהרען, האפענדיג דערמיט זיך אבצורעכענען מיט זייערע אלטע ארבייטער, וועלכע האבען ניט געטהאן, וואס זיי האבען געוואלט.

אונזערע מענשען ווידער — די מינוט וואס זיי האבען זיך אריינגעכאפט אין די שעפער, האבען זיי געטרייעט זייער בעסטעס „אלט צו ווערען 13 טעג"... און אויפ'ן 14טען טאג האבען זיי גענומען פארערן גלייכע צוטהיילונג פון דער ארבייט, ווי דער אגרימענט שרייבט פאר, און דאס איז אויך אויסגעפיהרט געווארען אויף א גרויסען מאסשטאב. מען קען זיי היינט נישט ארויסווארפען אין גאס ווי אין אמאליגע יאהרען. זיי זיינען אזעלכע מיוחסים ווי דער גאנץ אלטער „מזרח־וואנד איד". דיעזע מענשען זיינען טאקע לאיאל צו דער יוניאן. זיי ווייסען, אז זייער פלאץ איז געזיכערט. זיי ווייסען, אז די יוניאן קען קיין ארבייט נישט געבען ווען עס איז סלעק אין טרייד. אבער זיי ווייסען אויך, אז זיי זיינען בערעכטיגט צו זייער חלק ארבייט ווי די עלטערע ארבייטער אין שאפ.

פערשטעהט זיך, אז די ארבייטער וואס האבען בענעפיטירט פון דעם אלטען סיסטעם, זיינען הערלים ניט צופריעדען און שרייען „קאראול". מען האט זיי פערפיהרט. מען האט זיי צונעבונדען די הענט. זיי קענען נישט סטרייקען, א. ז. וו. (ווי זיי זיינען דאס מיט א מאל געווארען סטרייקערס!) נאטירליך פערשטעהט מען וואס זיי בעצוועקען מיט דער גאנצער טומלעניש: זיי ווילען ענטוויקלען אונצופריעדענהייט אין די רייהען, כדי ווידער צו

Come, give us an ear; we need your cheer.
We want you to express opinion and
help to build up your union.

Anna D. Weidenbaum,
Ex-Rec. Sec'y of Local 6.

---

**RESOLUTION**

At a regular meeting of the Executive Board of the Cloak and Suit Piece Tailors' and Sample Makers' Union, Local No. 3, International Ladies' Garment Workers' Union, the following resolution was unanimously adopted:

Whereas, The Amalgamated Clothing Workers' Union is at present engaged in a bitter, but just struggle with the manufacturers of Chicago;

Whereas, These brave strikers are relentlessly persecuted and attacked by hired thugs while the police of Chicago openly side with the employers and their hirelings against the struggling working men;

Resolved, That we, Piece Tailors and Sample Makers of New York, protest against the brutal maltreatment of our brethren by the Chicago police and their assistants of the underworld;

Resolved, That we protest against the position taken in this struggle by the leaders of the United Garment Workers' Union, which we regard nearly as bad as that of the manufacturers. We wholeheartedly sympathize with these brave strikers and hereby go on record declaring their struggle to be just—the struggle of the working class of America. We pledge ourselves to support our Chicago brethren both morally and financially and, therefore, plead with them:—Brethren, don't be discouraged by your present reverses. All the class-conscious workingmen stand by you in your just struggle, and your ultimate victory is approaching.

Resolved, That copies of this resolution be sent to the labor press of the country, to the United Hebrew Trades of New York, to the International Ladies' Garment Workers' Union, and to the American Federation of Labor.

By order of the Executive Board.
B. FENSTER, Secretary.

---

יוניאָן פיהרט איצט אָן א ביטערן אָבער גערעכטען קאַמפּף געגען די מאַנופעקטשורערס פון שיקאַגאָ;
אַזוי ווי די בראַווע סטרייקערס ווערען געשלאָגען און פערפאָלגט פון די בעזאָלטע לומפּען פון דער אונטערוועלט, און אַזוי ווי די שיקאַגאָ'ער פּאָליציי האָט געמאַכט איין האַנד מיט דיזע פינסטערלינגע און אַרעסטירט די געשלאָגענע און פערפאָלגטע סטרייקערס;

בעשלאָסען, אַז מיר, שטיק שניידער און סעמפּעל־מאַכער, פּראָטעסטירען העפטיג געגען די ברוטאַלע האַנדלונג פון דער שיקאַגאָ'ער פּאָליציי מיט איהרע לומפּישע און באַנקעטערלאָזע אַרויסהעלפער;

בעשלאָסען צו פּראָטעסטירען געגען די שטעלונג פון די ליעדערס פון דער יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, וועלכע איז נים פיעל בעסער פון דער האַלטונג פון די מאַנופעקטשורערס. מיר סימפּאַטיזירען פאָלשטענדיג מיט די העלדישע סטרייקער און ערקלעהרען דערמיט, אַז זייער קאַמפּף איז א גערעכטער, ווייל זייער קאַמפּף איז אויך אונזערער, דעם אַרבייטער'ס קאַמפּף. מיר פערפּליכטען זיך דאַרום צו שטיצען אונזערע שיקאַגאָ'ער ברידער מאָראַליש און פינאַנציעל און מיר זאָגען צו זיי: פערליערט נים, ברידער, אייער מוטה! דער גאַנצער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער קלאַס איז מיט אייך, און אייער זיעג איז נאָהענט.

בעשלאָסען צו פערעפענטליכען דיזע רעזאָלוציאָן אין דער אידישער און ענגלישער אַרבייטער פּרעסע, און קאָפּיעס דערפון צו שיקן צו די פּעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין ניו יאָרק, צו דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און צו דער א. פ. אָף ל.

אום אויפטראַגע דער עקזעקוטיווע,
ב. פענסטער, סעק.".

---

**לאָס־אַנדזשעלעס קלאָוקמאַכער, לאָקאַל 52.**

פּרעזידענט שלעזינגער טעלעגראַפירט דאָס ער האָט געהאַט זעהר אַן ערפאָלגרייכען מיטינג מיט די קלאָוקמאַכער אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַל., לאָקאַל 52, דינסטאַג דעם 23טען נאָוועמבער. זיי האָבען זיך פאַר דעם מיטינג געגרייט א גאַנץ היבשע צייט און די אַרבייטער האָבען אויף דיזער פערזאַמלונג שטאַרק אויסגעקוקט. זיי האָבען דאָ נים לאַנג געסעטעלט די לעצטע טעליבע שעפּער וואָס זיינען פערבליבען אין סטרייק פון לעצטען אויגוסט. פּרעז. שלעזינגער'ס בעזוך וועט אָהן צווייפעל האָבען זעהר א גינסטיגען איינפלוס אויף דער אָרגאַניזאַציאָן.

---

**א לאָקאַל פון פעטטיקאָוטס אַרבייטער**

אין פערלויף פון לעצטען מאָנאַט האָט די אינטערנעשאָנעל געלייגט א פונדאַמענט צו אָרגאַניזירען די ניו יאָרקער פעטטיקאָוטס אַרבייטער. א לאָקאַל פון 100 מעמבערס איז געטשאַרטערט געוואָרען, און איצט דאַרפען די וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם לאָקאַל, נומער 46, א נעהם טהאָן זיך צו דער אַרבייט און זעהן אריינציהען אין דער יוניאָן די איבריגע אַרבייטער פון טרייד.

װאָלף'ן לעצטע װאָך? אַלזאָ, האָט אױך אַבי־בעל הנאה, אַזױ װי מיר אַלע האָבען דאָ געהאַט, די װאָס האָבען בײגעװאױנט דעם מערקװירדיגען מאַס־מיטינג און דעם װעלטען־שעהנעם סאַפּער, װאָס אונזערע קלאָוקמאַכער האָבען דאָ דורכגע־פיהרט.

פאַר אונזערע באָסטאָנער יוניאָנס איז דיעזע װאָך װערט געװען אַ פערמעגען. מיר שטעהען איצט אַ הונדערט פּראָצענט העכער אין די אױגען פון דער גאַנצער היגער בעפעלקערונג און אױך אין די אױגען פון אונזערע ארבײטסגעבער. איהר האָט בעדאַרפט לעזען די היגע גרױסע ענגלישע צײטונגען: לאַנגע, אױספיהרליכע ארטיקלען װעגען יעדע קלײניגקײט פון דעם פּאַ־ראַד און דער דעמאָנסטראַציע. ס'איז פּשוט געװען אַ מחיה צו לעזען!

אָנגעפאַנגען האָט זיך עס מיטװאָך, דעם 3טען נאָװעמבער. 4 אַ זײגער נאָכמיטאָג האָ־בען אַלע שעפּער פון אונזערע טרײדס אָבגע־שטאָפּט. יעדער קלאָוקמאַכער װאָס בעלאַנגט צו דער יוניאָן, און אין באָסטאָן בעלאַנגען אַלע, איז אַװעק צום פּאַראַד װאָס די יוניאָן האָט אַראַנזשירט. אין די רײהען זײנען געװען ניט װעניגער װי 3 טױזענד מענשען. מען האָט געמאַרשט פון סאַוטה סטײשאָן, װאו מען האָט בעגעגענט אונזערע צװײ בעליעבטע פרײנד, ביז דעם גרױען, גרױסען פאַניועל האָלל. די סײד־װאָקס פון די גאַסען װאו דער פּאַראַד איז דורכ־געגאַנגען זײנען געװען אַזױ געפּאַקט, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס גאַנץ באָסטאָן איז זיך צוזאַמענגעלאָפען צו זעהן די שעהנע דיסציפּלי־נירטע באַטאַליאָנען פון אונזערע קלאָוקמאַכער, װאָס האָבען יענעם נאָכמיטאָג געמאַרשט מיט אַזאַ אָרדער און מיט אַזעלכע שעהנע מוזיק.

דעם האָלל האָט מען שױן געפונען האַלב־פול מיט מענשען, װאָס זײנען געקומען פריהער, און אַזױ װי אין פאַניועל האָלל געהט ניט אַרײן מעהר װי 1500 פּערזאָן, האָט, נאַטירליך, מעהר װי אַ קלײנער טהײל פון די מאַרשערס ניט געקענט אַרײן. דאָך איז קײן שום טרױאַגע ניט פאָרגעקומען. די גרױסע מאַסע האָט זיך אַזױ געפיהלט גליקליך נענוג דאָס זי האָט איהר אינערליכע סימפּאַטהיע אױסגעדריקט מיט איהר מאַרש.

די בעגריסונג־רעדעס זײנען געװען פון „פלאָר" גופא. פון יעדער גרױסער גרופּע איז זיך אױפגעשטאַנען אײנער אָדער צװײ און האָט אין אַן ערנסטען, ריהרענדען טאָן, יעדער אױף זײן שטײגער, בעגריסט די ברידער זינגמאַן און װאָלף און דורך זײ אױך די איבריגע בעפרײטע ברידער. אױף זינגמאַנ'ען און װאָלפ'ען האָבען דיעזע פלײנע, קורצע רעדעס פון זײערע פרײנד געמאַכט אַ טיעפען אײנדרוק.

דעם נעכסטען אָבענד האָט שטאַטגעפונען דער באַנקעט, אין יאַנג'ס האָטעל. זינט קלאָוק־מאַכער „באַנקעטעװען" האָבען זײ נאָך אַזאַ שעהנעם אָבענד ניט דורכגעפיהרט! די „שכינה" האָט פּשוט גערוהט אױף יעדען אײנעם פון די 200 פון אונזערע לײט, װאָס האָבען זיך צוזאַ־מענגעקליבען צו דיעזען באַנקעט; און גראָדע אַלע טאָקע אין "פולל דרעסס"! בײ דעם באַנ־קעט זײנען געװען אײנגעלאַדען אײניגע פון אונזערע גדולים, צװישען זײ, מר. לואיס ד. בראַנדײס. זײ האָבען אַלע פּשוט די אױגען געריבען װען זײ האָבען אַרום זיך געזעהן אונ־זערע קלאָוקמאַכער װאָס האָבען זיך געהאַלטען מיט אַ װירדע און זעלבסט בעװאוסטזיניגקײט, און מיר אַלע האָבען אָנגעקװאָלען פון זיך זעלבסט און פון אונזערע פרײנד, און פון אונזער בעװעגונג, װאָס האָט אונז געגעבען די מעגליכ־קײט איבערצולעבען דיעזע גליקליכע שטונדען".

דאָ זײנען די נעמען פון נאָך שעפּער און פּערזאָנען װאָס האָבען בײגעטראָגען פאַר דעם רעפענס־פאָנד אין באָסטאָן אין פערלױף פון לעצ־טען מאָנאַט:

רעלײעבל קלאָוק קאָ.—$5.55; גליקמאַן און ניוהאָף—$11.20; מעיער קאומאַן—$5.05; באָסטאָן סקוירט קאָ.—$1.15; מאַסס. סקוירט קאָ.—$1.85; סעם מוסקמאַן קאָ.—$12.05; בעקי לעװענסטען—50 ס.; נאַרעס און פעלד־מאַן—40 ס.; סיליע דזשײקאָבס—35 ס.; קאָלאָמביאַ־סקוירט קאָ.—35 ס.; מ. סעיװעטץ—$1.00; װאַססערמאַן—60 ס.; בענ. האָרן—$1.50.

טאָטאַל—$41.55; פון פריהער—752.68; צוזאַמען—$794.23.

עקספּענסעס—$1.81. בלײבט—$792.42.

---

## רעזאָלוציאָן פון לאָקאַל 3.

בײ אַ רעגולער עקזעקוטיװ מיטינג פון קלאָוק און סוט שפּיק שנײדער און סאַמפּעל־מאַכערס יוניאָן לאָקאַל 3, אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענטס װאָר־קערס יוניאָן, איז בעשלאָסען געװאָרען צו פער־עפענטליכען די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

„אַזױ װי די אַמאַלגאַמײטעד קלאָדינג װאָרקערס